STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02514

POLITISHE EKONOMYE

Abraham Simchah Sachs

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארבייטער־רינג ביבליאָטעק נומ. VI.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

— די גרונד־פּרינציפּען —

ערשטער טייל

פון

א. ש. זאַקס

ארויסגעגעבען פון דער עדיוקיישאָנאל קאָמיטע פון אַרב. רינג.

Copyright 1918
by
THE WORKMEN'S CIRCLE

אַ פּאָר ווערטער פון אויטאָר

דאָס פאָרליגענדע ווערק בעהאַנדעלט די טעאָריע פון פּאָלי־טישער עקאָנאָמיע. צו דער פּראַקטישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע וועל איך צוטרעטען, ווען איך וועל זיין פאַרטיג מיט דער טעאָריע.

אין ערשטען בוך איז מיר געווען אונמעגליך „אַריינצושפּאַ־רען" די גאַנצע טעאָריע און פּאַר די ענינים פון אַרבייטסלוין, פּראָ־פיט, רענטע, קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, קלאַסען פערנאַנדער־טיילונג א. ז. וו., א. ז. וו., וועט זיין געווידמעט דאָס צווייטע בוך.

איך וויל אויך אויפמערקזאַם מאַכען די לעזער ניט צו פער־בייטען דאָס דאָזיגע ווערק מיט מיין בוך: „פּאָליטישע עקאָנאָ־מיע, איהר ענטשטעהונג און געשיכטע". אין יענעם בוך האָב איך זיך אָבגעגעבען בלויז מיט דער געשיכטע פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, בעת איצט איז, ווי געזאָגט, מיין אויפגאַבע זיך צו בעשעפטיגען מיט דעם עצם פון דיזער וויסענשאַפט. בעריהרונגס פּונקטען זענען געוועהנליך אונפערמיידליך, ווייל די היסטאָריע פון א וויסענשאַפט שטויסט זיך אימער צוזאַמען מיט איהר טעאָריע. אָבער בכלל זענען די ביידע ווערק פערשיידען און גיבען זיך אָב מיט בעזונדערע צווייגען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

א. ש. זאַקס.

ערשטע לעקציע

איינלייטונג

אַלגעמיינע בעגריפען וועגען פּריוואַט ווירטשאַפט און פאָלקס־ווירטשאַפט; ווירטשאַפטליכע אַרבייט און דער קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ; די ענטוויקלונג פון די בעדערפנישען; דער צוועק פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט; די טעכנישע און געזעלשאַפטליכע זייט פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט; די ענטשטעהונג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט. די אָרגאַניזאַטאָרען און געזעצען פון דער ווירטשאַפט; די ענדערונגען אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט; די אויפגאַבע פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז די וויסענשאַפט פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, פון דעם פאָלקס באַלעבאַטישקייט.

וואָס פערשטעהט מען אונטער פאָלקס ווירטשאַפט?

וואָס הייסט ווירטשאַפט בכלל?

ווען אַ הויז פרוי פאַסט אויף, אַז איהר פאַמיליע זאָל האָבען אַלץ, וואָס איהר איז נויטיג; אַז די קינדער, אַ שטייגער, זאָלען האָבען זייער עסען און טרינקען אין דער צייט און אין דער מאָס, זאָלען זיין אָנגעטהון ווי עס בעדאַרף צו זיין, זאָלען האָבען אַ גוטע דירה, וואו צו זיין, זאָלען זיין ריין, ציכטיג אַרומגעוואַשען — דאַן זאָגט מען, אַז די פרוי איז אַ באַלעבאָסטע, אַז זי פיהרט אַ ווירטשאַפט.

ווען די פרוי איז ניט נאָר סתם אַ באַלעבאָסטע, נאָר אַ שפּאָרעוודיגע באַלעבאָסטע; ווען זי איז אַ גרויסע בריה אויסצוקומען מיט די קאַרגע שכירות, וואָס איהר מאַן קריגט; ווען זי מאַרקירט אויס, אַז אויף איהר ווירטשאַפט זאָל אַוועקגעהן וואָס וועניגער געלד — דאַן זאָגט מען, אַז די פרוי לעבט ע ק אָ נ אָ מ י ש, אַז זי איז אַ גרויסע באַלעבאָסטע.

אַ הויז־פרוי, אַ געוועהנליכע באַלעבאָסטע מאַכט ניט אַליין דאָס לעבען. איהר אויפגאַבע איז נור אויסצוגעבען שפּאָרעוודיג דאָס געלד, וואָס דער מאַן פערדיענט, זעהן, אַז די הוצאה פון הויז זאָל ניט זיין גרעסער פון דער הכנסה. די הכנסה בעזאָרגט דער מאַן, דער ברויטגעבער, און ווי עקאָנאָמיש די באַלעבאָסטע זאָל ניט זיין אין איהרע אויסגאַבען, קען זי אָבער אַלץ

ניט פיהרען גוט איהר הויז, ווען דער מאַן, למשל, פערדיענט גאָר ניט, אָדער זעהר וועניג, אז עס קלעקט ניט אפילו פון האנד צום מויל. אום צו קענען מאכען א הוצאה מוז זיין א הכנסה און די עקאָנאָמיע פון דער ווירטשאַפט, פון דער באַלעבאַטעשקייט הענגט אָב ניט נאָר פון דער הויז פרוי, נאָר אויך — און אין א פיעל גרעסערער מאָס — פון דעם מאַן, פון דעם פערדיענער. אזוי ווי א גוטע באַלעבאָסטע דאַרף פערשטעהן, ווי צו ווירטשאַפטען, ווי צו פערוואַלטען די הוצאה, אזוי דאַרף א גוטער באַלעבאָס פערשטעהן ווי צו ווירטשאַפטען זיין הכנסה, זיין אר־בייט, זיין מלאכה, זיינע קענטעניִשען א. א. וו. ער דאַרף זעהן, אז פאר זיין ארבייט זאָל ער קריגען גרעסערע שכירות, אז זיין צייט זאָל ניט געהן אין גיוועץ, און נאָר דאַן קען מען ריידען פון אן עקאָנאָמישען לעבען, פון א ווירטשאַפט אין ברייטען זין, ווען די פערדיענסטען פון איין זייט און די אויס־גאבען פון דער צווייטער זייט ווערען געמאַכט מיט אַ אויסרע בענונג, מיט א סדר און אָרדנונג.

אונטער א ווירטשאַפט פערשטעהען מיר, בכן, דאָס ארביי־טען מיט אן אויסרעכנונג, מיט א תכלית, כדי די בעדערפנישען זאָלען קענען בעפרידיגט ווערען און דאָס שטרעבען, אז די בעפרי־דיגונג פון די בעדערפנישען זאָל קאָסטען וואָס וועניגער צייט, געלד און ארבייט.

אויך ביי פערשיידענע חיות זעהען מיר, אז זיי טהוען צוועק־מעסיגע ארבייט, אום צו בעפרידיגען זייערע בעדערפנישען. א שפּין וועבט זיין שפינוועבץ זעהר געשיקט און טהוט דיזעלבע זאך, וואָס דער וועבער טהוט; א ביהן בויט איהרע וואַקס־קעמערלעך, וועלכע זיינען אין מאנכע פּרטים ניט ערגער, ווי די געביידען, וואָס בוימייסטערס שטעלען אויף. אָבער ניט דער שפּין און ניט די ביהן פיהרען א ווירטשאַפט, זייער ארבייט איז אן אינסטינקטיווע, אָהן איבערלעגונג און זי האָט זיך ענטוויקעלט אין דעם בלינדען קאמפף פאר עקזיסטענץ, וואָס ווערט געפיהרט ביי אַלע לעבעדיגע בעשעפעניסען פון קליין ביז גרויס. א ווירט־שאַפט פאָדערט ישוב הדעת, אויסרעכנונג, איבערלעגונג. די דאָזיגע אייגענשאַפטען פעהלען דעם שפּין און דער ביהן אזוי ווי זיי פעהלען ביי אַלע אנדערע חיות און אפילו ביי די ווילדע מענ־שען.

„דער אונטערשייד צווישען דער בעסטער ביהן און דעם ערג־

סטען קולטורעלען בוי־מייסטער — זאָגט מאַרקס — איז דאָס, וואָס דער בוימייסטער בויט פריהער דעם בנין ביי זיך אין קאָפּ איידער ער פערווירקליכט עס אין דער פּראַקטיק".

ביי אַ ווירטשאַפטליכע טהעטיגקייט ווערט פריהער אויסגע־ארבייט דער פּלאַן און די אַרבייט ווערט שפּעטער דורכגעפיהרט לויט דעם דאָזיגען פּלאַן, בעת ביי די חיות ווערט די אַרבייט גע־טאָן אינסטינקטיוו, אָהן אַ פריהערדיגען פּלאַן און אָהן איבער־לעגונג.

די וויסענשאַפט, וועלכע מיר האָבען דאָ בדעה צו לערנען, האָט אָבער ניט צו טאָן מיט דער געוועהנליכער באַלעבאַטעשקייט פון יחיד, מיט דער פּריוואַט ווירטשאַפט. פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז, ווי שוין געזאָגט, די לעהרע פון דער פ אָ ל ק ס ו ו י ר ט־ש אַ פ ט ; איהר אויפגאַבע איז זיך אָבצושטעלען אויף דעם שאַפען, האַנדלען און וואַנדלען פון דעם גאַנצען פאָלק, זי בעשעפ־טיגט זיך מיט דער באַלעבאַטעשקייט פון כלל.

די פאָלקס ווירטשאַפט איז אַ גרויסע קייט, וואָס איז צוזאַ־מענגעקניפּט פון פערשיידענע בעזונדערע פּריוואַט ווירטשאַפטען. יעדע פּריוואַט־ווירטשאַפט איז נור אַ קליין שרייפעל פון דעם גאַנצען מעכאַניזם, וואָס ווערט אָנגערופען פאָלקס ווירטשאַפט.

ווי שאַפט דער כלל? ווי אַרבייט דאָס גאַנצע פאָלק אויס זיינע לעבענס מיטלען? ווי ווערען די דאָזיגע לעבענס מיטלען פונאַנדערגעטיילט, ווי ווערען זיי פערברויכט? ווי ד אַ ר פ ע ן זיי געשאַפען ווערען, אום דאָס לעבען זאָל זיין עקאָנאָמישער, ווי דאַרפען זיי פונאַנדערגעטיילט ווערען, ווי דאַרפען זיי פערברויכט ווערען? — אָט זיינען די פראַגען, אויף וועלכע פּאָליטישע עקאָנאָ־מיע זוכט צו געבען אַן ענטפער!

אַזוי ווי די פּריוואַט ווירטשאַפט האָט דעם צוועק צו בעפרי־דיגען די בעדערפנישען פון יחיד, פון דער אייגענער פאַמיליע מיט וואָס ווייניגער געלד, אַזוי האָט די פאָלקס ווירטשאַפט אַלס איהר אויפגאַבע צו שאַפען מיטלען, וועלכע זאָלען בעפרידיגען די בע־דערפנישען פון כלל מיט וואָס קלענערע אויסגאַבען.

די בעדערפנישען גופא זיינען פערשיידען און וואַקסען צו־זאַמען מיט דער קולטור, מיט דער ענטוויקלונג.

אין די אַלטע ווילדע צייטען זיינען די מענשליכע בעדערפ־נישען ניט געווען גרעסער, ווי די בעדערפנישען פון די העכערע חיות. די בעדערפנישען זיינען געווען פ י ז י אָ ל אָ ג י ש ע,

ריין קערפּערליכע: עסען צו שטילען דעם הונגער; וואסער צו לעשען דעם דורשט — אַט וועלכע בעדערפנישען די ערשטע מענ־שען האָבען געהאַט. שפּעטער האָבען זיך ענטוויקעלט די בע־דערפנישען אין אַ דירה, וואו צו וואוינען; אין קליידער צוצו־דעקען דעם קערפּער. נאָך שפּעטער זיינען אויסגעוואַקסען אַזוינע בעדערפנישען, וואָס האָבען אפשר ניט אַ דירעקטען שייכות מיט דער חיי שעה, מיט דעם לעבען פון היינט, אָבער וואָס מאַכען דאָס לעבען לענגער, געזינטער, ווי צום ביישפּיעל די בעדערפנישען אין ריינליכקייט, אין געזונדע לעבענסבעדינגונגען. ווען דער מענש האָט זיך ארויפגעהייבען נאָך העכער אויפ׳ן לייטער פון קולטור, האָט ער זיך שוין ניט בעגנוגענט מיט דער בעפרידיגונג פון די פיזיאָלאָגישע און סאַניטאַרע בעדערפנישען, ער האָט אָנגעפאַנגען צו זאָרגען, ווי צו בעפרידיגען זיינע גייסטיגע בעדערפ־נישען, זיינע בעדערפנישען אין וויסען, אין פּאָעזיע, מוזיק, אין קינדער ערציהונג א. א. וו. דעם קולטור מענש ווילט זיך ניט סתם אַזוי לעבען, נור וואָס בעסער, שעהנער און אַנגענעהמער לעבען. ביים היינטיגען ציוויליזירטען מענש פערנעהמען די נידע־ריגסטע בעדערפנישען דעם קלענסטען פּלאַץ אין דער גאַנצער הוצאה פון׳ם לעבען. די הויפּט אויסגאַבען געהען אוועק אויף די קולטורעלע נויטען, אויף די העכערע גייסטיגע בעדערפנישען, ווי יעדער איינער קען זיך איבערצייגען, ווען ער וועט אויסרעכנען אויף וואָס איהם געהט אוועק זיין געלד.

וואָס טהוען די מענשען אום צו בעפרידיגען זייערע בעדערפ־נישען? זיי ארבייטען, זיי דרעהען זיך דעם קאָפּ, זיי גיבען אויס כח, ענערגיע.

די אויפגאַבע פון דער פאָלקס ווירטשאַפט איז צו זעהן, אַז די ארבייט זאָל ווערען געטאָן עקאָנאָמיש, ד. ה., אַז די מעגליך קלענסטע מאָס ארבייט זאָל ברענגען די מעגליך גרעסטע רעזול־טאַטען.

אין דער פאָלקס ווירטשאַפט אונטערשיידעט מען אַ טעכ־נישע זייט און אַ געזעלשאַפטליכע זייט.

די ארבייט פון מענשען קען ברענגען נוצען נאָר דאַן, ווען זיי, די מענשען, פערשטעהען די געהיימניסען און די קרעפטען פון דער נאַטור, ווען זיי פערשטעהען ווי צו ווירקען אויף איהר; אויסער דעם מוזען זיין געוויסע כללים, לויט וועלכע זיי זענען

אָרגאַניזירט. די אַלע מיטגלידער מוזען אָבהיטען אַ געוויסען סדר, אַ געוויסע אָרדנונג, וואָס עס פֿאָדערט זיך ביי יעדען צוזאַמענ־לעבען פון אַ סך מענשען. אָהן אָט די צוויי בעדינגונגען איז אונ־מעגליך צו פיהרען אַ פֿאָלקס־ווירטשאַפט. ווען די ערשטע מענ־שען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט יאַגד, זענען געגאַנגען פאַנגען אַ חיה, האָבען זיי ערשטענס געמוזט וויסען דעם כאַראַק־טער פון דער חיה, איהר טבע, וועלכער וועטער עס ווירקט אויף איהר גוט, און וועלכער שלעכט, וואו און ווען איהר איז לייכטער צו טרעפען א. א. וו. צווייטענס האָבען זיך די מענשען בעדאַרפט אָבמאַכען, ווי יעדערער זאָל זיך נוהג זיין ביים פאַנגען, וואָס יעדערער זאָל טאָן, ווי ער זאָל זיך בע־נוצען מיט די רויב א. א. וו. א. א. וו.

ביי היינטיגע ווירטשאַפטען איז דאָס נאָך מעהר בולט. דער דאָרף־פויער אום צו ערנעהרען זיך מיט זיין פאַמיליע, בעאַרבייט די ערד: ער זעעט, שניידט, דרעשט, וועטערט, פערקויפט די פאַרטיגע תבואות — מיט איין וואָרט — ער פיהרט אַ ווירט־שאַפט. אום צו פיהרען גוט זיין ווירטשאַפט מוז דער פויער האָ־בען געוויסע ווערקצייג, מאַשינען: ער מוז האָבען אַן אַקעראייַ־זען, אַ באָראָנעווע. צום שניידען מוז ער האָבען קאָסעס, צום דרעשען און וועטערן — אַנדערע ווערקצייג און מאַשינען. דאָס רוב מאָל קען דער פויער אַליין ניט אויספיהרען זיין אַרביים. ער דינגט צו אַנדערע אַרבייטער, וועלכע העלפען איהם פיהרען זיין ווירטשאַפט. הערבסט צייט פערקויפט דער פויער די אָראָב־געטומענע תבואות פאַר מזומן. דאָס געקראָגענע געלד בלייבט אָבער ניט ביים פויער אין גאַנצען. אַ טייל געלד צאָהלט ער אָב דעם פּראָצענטניק, וועלכער האָט איהם געליהען אין דער צייט, ווען די תבואה איז נאָך ניט געווען פאַרטיג; פאַר אַ טייל געלד־קויפט ער זיך געצייג, אַ טייל נעהמט צו פון איהם די רעגירונג אין דער פאָרמע פון פערשיידענע אָבצאָהלונגען און צינזען.

דער פויער קען נאָר דאַן מיט ערפאָלג אַקערען, זעען און שניידען, אויב ער פערשטעהט ווען און ווי צו זעען, וועלכע ערד איז גוט צו אַקערען און וועלכע ניט, וואָסערע וועטערען עס טויגען צום שניידען און וואָסערע ניט — אַזוינע ידיעות בע־קומט דער פויער דורך זיין בעקאַנטשאַפט מיט דער אויסערליי־כער נאַטור — דאָס איז די טעכנישע זייט פון דער וויסענשאַפט.

אויסער אָט די טעכנישע ידיעות מוז דער פויער — אויב ער וויל, אז זיין ווירטשאפט זאָל זיך גוט פיהרען — היטען די כּללים פון חובות צאָהלען, בעצאָהלען אין דער צייט און אין דער מאָס ארבייטסלוין, היטען די געזעצען פון צינזען און איבעריגע אָבצאָהלונגען — דאָס אַלעס איז שוין דער אויסערליכער נאַטור גאָר ניט נוגע. דאָס איז שוין געגרינדעט ניט אויף די קענטנישען, וואָס דער פויער האָט ערוואָרבען, בעקענענדיג זיך מיט דער נאַטור, נור אויף די ידיעות פון די בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען צווישען די מענשען אין דער געזעלשאפט. דאָס איז שוין ניט די טעכנישע זייט פון דער ווירטשאפט, נור די געזעלשאפטליכע זייט, ווייל די כּללים זענען נור בנוגע די מענשען, אָבער ניט בנוגע דער נאַטור.

פאָליטישע עקאָנאָמיע לערנט אויס די פאָלקס ווירטשאפט, אָבער ניט די טעכנישע זייט, נור די געזעלשאפטליכע זייט פון דער פאָלקס ווירטשאפט.

מיר זאָגען, אז פאָליטישע עקאָנאָמיע לערנט די ווירטשאפט פון גאַנצען פאָלק. דאָס הייסט אָבער ניט, אז זי בעשעפטיגט זיך מיט אַלע פעלקער פון אַלע צייטען. ניט אַלע פעלקער לעבען עקאָנאָמיש און פיהרען א ווירטשאפט. ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, מוז יעדע ווירטשאפט ווערען געפיהרט מיט א חשבון, מיט אַן אויסרעכנונג, לויט א געוויסען פּלאַן. די ווילדע פעלקער, וועלכע לעבען אָהן א חשבון און זאָרגען ניט פאַר'ן מאָרגעדיגען טאָג, פיהרען ניט קיין ווירטשאפט. זיי זענען גלייך צו חיות און צו קליינע קינדער, וועלכע לעבען אָהן א ברעקעל זאָרג פאַר שפּעטער. בשעת דער הונגער נאָגט — שרייען זיי, אָבער קוים האָט זיך דער הונגער איינגעשטילט, פערגעסען זיי אין גאַנצען אָן דעם, אז עס איז פאַראַן אזא זאַך ווי הונגער און אז מען דאַרף זיך קעגען איהם בעוואָרענען. ווען א קינד איז זאַט, וואַרפט עס אוועק די שפּייז, ווי אַן אונניצליכע זאַך און איהם פאַלט גאָר ניט איין אין זינען, אז מיט א פּאָר שעה שפּעטער, וועט ער ווייטער וועלען עסען. די ווילדע פעלקער מיט זייער קינדערשען שכל לעבען אויף אָהן א שום אויסרעכנונג און האָבען ניט קיין בעגריף אָבצושאַצען די בעדייטונג פון די זאַכען, וועלכע זענען נוצליך אין לעבען.

בעטראַכט דאָס לעבען פון די שבטים, וועלכע געפינען זיך אויף דער נידעריגסטער שטופע פון קולטור, ווי די בושמענער פון

זיך אַפריקא, די וועדדען פון אינזעל ציילאָן, די נעגריטאָסען אויף די פיליפינען און איהר וועט זעהן, אז זיי האָבען ניט קיין ברעקעל אויסרעכנונג, ווי צו לעבען. דאָ הונגערן זיי, דאָ פרעסען זיי זיך איבער. ווען עס טרעפט זיך, אז זיי האָבען אַ סך שפּייז, קלעקט עס נור אויף איין מאָל און עס קומט זיי אפילו אויף'ן געדאַנקען ניט אַרויף, אז מען דארף לעבען מיט אַ תכלית און בעהאַלטען דאָס, וואָס עס איז געבליבען פון עסען, אויף אַ צווייטען מאָל. זענען זיי זאַט — פערגעסען זיי גאָר, אז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי הונגער אויף דער וועלט. זענען זיי הונגעריג — פערגעסען זיי, אז עס זיינען געווען צייטען, ווען זיי האָבען געהאַט צו עסען איבערגענוג. ניט זיי דענקען פון דער צוקונפט און ניט זיי געדענקען די פערגאַנגענהייט. זיי האָבען זעהר אַ שוואַכען זכרון און פערגעסען אַלעס, וואָס עס איז אפילו מיט אַ גאַנץ קורצער צייט צוריק פאָרגעקומען. די ווילדע, ווי אונזער אַמאָליגע אור־אור־עלטער זיידעס, האָבען ניט קיין בעגריף אָבצושאַצען אַ זאַך. זיי זענען אימשטאַנד אָבצוגעבען, פּונקט ווי אַמאָל די אינדיאַנער אין אַמעריקא, די טייערסטע זאַכען פאַר אַ שפּיעלבעל. זיי זאָרגען ניט, זיי דאַגה'ן ניט. עסען פאַנגען זיי אָן צו זוכען ערשט דאַן, ווען זיי פיהלען הונגער. די קאָפּדרעהעניש פון אַ ציוויליזירטען מענשען, ווי צו זיין פערזיכערט מיט'ן מאָרגען, פעהלט דעם ווילדען. ער איז זאָרגלאָז און באַלעבאַטעוועט ניט. ניט ער לעבט עקאָנאָמיש און ניט ער פיהרט אַ ווירטשאַפט.

די ווירטשאַפט איז אַ רעזולטאַט פון דער קולטור און איז ענטשטאַנען ערשט דאַן, ווען די מענשען האָבען אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן, אז מען דארף זאָרגען פאַר דער צוקונפט און האָבען אָנגעפאַנגען צו לעבען און צו ארבייטען מיט שכל, מיט אַ ישוב הדעת, מיט אַ חשבון. בלויז קולטור־פעלקער פיהרען אַ ווירטשאַפט און דעריבער קען מען אויך זאָגען, אז פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט צו טהאָן בלויז מיט דער טהעטיגקייט פון קולטור־פעלקער.

וואָס מעהר אַ ווירטשאַפט האָט אין זיך דעם כאַראַקטער און די סמנים פון אַ פּריוואַט ווירטשאַפט אַלץ וועניגער האָט מיט איהר צו טהאָן פּאָליטישע עקאָנאָמיע. לאָמיר נעהמען צ. ב. אַ לאַנד, וואו עס הערשט אַזאַ סאָרט ווירטשאַפט, וואו די פּראָדוקטען ווערען געשאַפען ניט צום פערקויף, נור צום אייגענעם בעדארף, אַזוי ווי עס איז געווען אין דער צייט פון שקלאַפען־הער־

שאַפט און שפּעטער אין דער פּעאַדאַליסטישער אָרדנונג. אין אַזאַ ווירטשאַפט איז די מענשליכע טהעטיגקייט זעהר אָן איינ־פאַכע. דער שקלאַפען־הערר אָדער דער פריץ רעכענט אויס ווי־פיעל פּראָדוקטען ער דאַרף האָבען פאַר זיין גרופּע אָדער דאָרף, וויפיעל פאַר שטיוועל ער האָט נויטיג, וויפיעל פאַר קליידער, ווי־פיעל ווייץ, וויפיעל קאָרן א. א. וו. און אין הסכם מיט אָט דעם בעדאַרף אָרדענט ער איין די גאַנצע פּראָדוקציע זיינע. ער בע־שטימט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל שוסטער, אַזוי פיעל שניידער, אַזוי פיעל לאַנד ארבייטער, אַזוי פיעל בעקער א. א. וו. די ווירט־שאַפט ווערט דאָ רעגולירט און אָרגאַניזירט פון אַ געוויסען ווילען, פון אַ פּערוואַלטער אין דער פּערזאָן פון דעם איי־גענטימער אָדער פון זיינע העלפער. דער ערפאָלג אָדער ניט ער־פאָלג פון אַזאַ ווירטשאַפט ווענדעט זיך אָן די פעהיגקייטען פון דעם פּערוואַלטער, פון זיינע קאַפּריזען, פון זיין ערפאַהרונג א. א. וו. די פערבינדונגען צווישען אָט די פערשיידענע בעזונדערע ווירט־שאַפטען זענען זעהר שוואַכע. איין גרופּע דאַרף ניט אָנקומען צו אַ צווייטער גרופּע; איין דאָרף איז ניט אָבהענגיג פון אַ צווייטען דאָרף. מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט אַ קופּע בעזונ־דערע ציגעל, וועלכע זענען ניט פעראייניגט צווישען זיך מיט אַ געוויסען צעמענט. יעדע ווירטשאַפט איז אָן עולם קטן פאַר זיך און קען עקזיסטירען, ווען אפילו אַלע אַנדערע שכנה'שע ווירט־שאַפטען זאָלען אונטערגעהן. מיט אַזאַ ווירטשאַפט האָט פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע זעהר ווייניג צו טהאָן, ווייל די ווירטשאַפט ווערט ניט רעגולירט דורך געוויסע געזעצען, נור דורך דעם פערלאַנג און ווילען פון די פּערוואַלטער.

גאַנץ אַנדערש זיינען די היינטיגע ווירטשאַפטען, וואו די פּראָדוקטען ווערען געשאַפען ניט פאַר'ן אייגענעם געברויך, נור פאַר'ן האַנדעל, פאַר'ן פערקויף. די יעניגע, וועלכע שאַפען די פּראָדוקטען, פערברויכען זיי ניט און די, וועלכע פערברויכען, האָ־בען זיי ניט געשאַפען. אַ ווילען, אַ פּערוואַלטער איז נאָר פאַראַן אין יעדער בעזונדערער אונטערנעהמונג. די גאַנצע ווירטשאַפט ווערט ניט רעגולירט דורך דעם ווילען פון דעם אָדער יענעם. פערקעהרט, דער ווילען פון איינציגען איז אָבהענגיג פון געוויסע געזעצען. קיין אונטערנעהמער, צום ביישפּיעל, קען אין היינטי־גע צייטען ניט אָרגאַניזירען זיין אונטערנעהמונג, ווי אי ה ם געפעלט, לויט זיין געשמאַק און קאַפּריז, נאָר ער מוז זיך רעכנען

מיט די פאָדערונגען פון מאַרק, מיט דעם פּרייז, מיט די אָבצאָהלונגען, מיט די פּראָצענטען, וואָס מען דאַרף צאָהלען א. א. וו.

מיר האָבען אויף דעם אופן דאָ צו טהאָן מיט געזעצען, וועלכע הערשען איבער אונז, פּונקט ווי די געזעצען פון דער נאַטור: מיר זיינען צו זיי אונטערוואָרפען, מיר ווערען פון זיי רעגירט. דיזע געזעצען פעראייניגען די פערשיידענע פּריוואַט אונטערנעהמונגען אין איין פאָלקס ווירטשאַפט, אַזוי ווי דער צעמענט פעראייניגט בעזונדערע ציגעל אין איין הויז.

אַז די איצטיגע פאָלקס ווירטשאַפט פיהרט זיך לויט אַ געוויסען פּלאַן, לויט געוויסע בעשטימטע געזעצען, ניט קוקענדיג, וואָס זי ווערט ניט אָרגאַניזירט און פערוואַלטעט פון אַ געוויסען ווילען, קען מען זיך זעהר לייכט איבערצייגען.

מיר נעהמען אזא שטאָדט ווי ניו יאָרק מיט איהרע 5 מיליאָן מענשען. יעדער מענש האָט נויטיג שפּייז, קליידער, וועש, אַ דירה, לעהרערס, שרייבגעצייג א. א. וו. אָט די אַלע בעדערפניסען ווערען בעפרידיגט מעהר אָדער ווענינער. מיר זעהען ניט בכלל, מענשען, וועלכע זאָלען ארומגעהן מוטער-נאַקעט און באָרוועס; עס זיינען אויך פאַראַן פערהעלטניסמעסיג וועניג מענשען, וועלכע זאָלען בפּועל ממש הונגערן און וואוינען אויפ'ן גאַס. וואו נעהמט מען אָט די זאַכען, וועלכע זיינען נויטיג צו בעפרידיגען די מענשליכע בעדערפנישען? זיי ווערען בעשאַפען דורך מענשליכער ארבייט אויפ'ן פעלד, אין די פאַבריקען, אין די שעפער. ווער אָבער פּאַסט אויף, אַז די ניו יאָרקער בעפעלקערונג זאָל אומגעפעהר האָבען אַלעס, וואָס זי בעדאַרף, אַז עס זאָל אריינגעפיהרט ווערען די נויטיגע מאָס ברויט, אַז עס זאָל געבויט ווערען די נויטיגע צאָהל הייזער, אַז עס זאָל אויפגענעהט ווערען די נויטיגע צאָהל קליידער? ווער פּאַסט אויף, אַז גלייך אין דער פריה, ווען אַלע שטעהען אויף, זאָל שוין זיין אַלץ אָנגעגרייט און אַז שפּעט ביינאַכט זאָל שוין זיין, מיט וועניג אויסנאַהמען, אַלץ פערברויכט?

די געזעצען פון דער פאָלקס ווירטשאַפט! דער ווילען פון פּאַטריאַרך, פון'ם שקלאַפען-הערר, פון פּריץ אין דער אַלטער ווירטשאַפט איז פערביטען געוואָרען אויף די געזעצען פון פאָלקס ווירטשאַפט אין דער היינטיגער צייט.

אין וואָס בעשטעהען אָט די געזעצען? ווי ווירקען זיי אויף אונז? ווען איז זייער ממשלה איבער אונז שטאַרקער און ווען

שוואכער? מיט דיזע פראגען בעשעפטיגט זיך פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע.

ווי מיר ווייסען זיינען די בעציהונגען צווישען די מענשען ניט אייביג דיזעלבע. זיי ענדערען זיך שטענדיג, זיי זיינען אונ־טערוואָרפען, אזוי ווי אַלץ אין דער נאטור, צו דעם געזעץ פון ענטוויקלונג.

עס זיינען געווען צייטען, ווען מענשען האָבען ניט געהאט קיין בעגריף פון אייגענטום, אַלע האָבען גלייך געארבייט און גלייך זיך צוטיילט מיט די פּראָדוקטען פון זייער ארבייט. שפּע־טער זעהען מיר אין דער געשיכטע, ווי איינער אַן עלטסטער, א פּאטריארך, הערשט איבער'ן גאנצען שבט. ווייטער זעהען מיר די שקלאפעריי, וואו א סך מענשען זיינען פערשקלאפּט צו איי־נעם, דעם שקלאפען־הערר, ניט נור מיט זייער ארבייט, נור אויך מיט זייער גוף און נשמה; אין דעם מיטעלאַלטער, ווידער, האָט געהערשט די פעאָדאַלע סיסטעם, וואו די פויערים פלעגען דאר־פען ארבייטען פאר'ן פּריץ און האָבען ניט געהאט קיין דעה איבער די פּראָדוקטען, וואָס זיי האָבען אליין אויסגעארבייט. שפּעטער איז די פעאָדאַלע סיסטעם בטל געוואָרען און פענסציזנע האָט געמוזט אָבטרעטען א פּלאַץ פאר פרייע, געדונגענע ארבייט. איצט לעבען מיר ביי אזא סיסטעם, וואו די מיטגליעדער זיינען, אמת, געזעצליך אַלע פריי, אָבער עקאָנאָמיש געפינען זיך די גרויסע מאסען אונטער דעם יאָך פון א קליינער צאָהל רייכע מענ־שען. די ארבייטער האָבען ניט די מעגליכקייט אליין אויסצו־נוצען זייער כח פאר די אייגענע בעדערפנישען, נור זיינען גע־צוואונגען צו פערקויפען זייער ארבייטס קראפט צו די יעניגע, וועלכע געניסען די פּריווילעגיע פון פּריוואט אייגענטום אויף לאנד, געצייג, מאשינען, געוועהר, הייזער א. א. וו.

מיר זעהען, אז אין יעדער בעזונדערער צייט זיינען די בעצי־הונגען, די שייכות צווישען מענשען גאַנץ אַנדערע. די בעצי־הונגען ענדערען זיך. עס פערשטעהט זיך, אז די פערענדערונגען קו־מען ניט פון העלערהויט; מסתמא זיינען דאָ געוויסע אורזאכען, וואָס רופען ארויס די דאָזיגע ענדערונגען. עס פרעגט זיך אַלזאָ, דורך וועלכע אורזאכען ענדערען זיך די בעציהונגען צווישען מענ־שען? וואָס איז די מעשה, וואָס איין סיסטעם שטארבט אָב און א צווייטע קומט אויף איהר פּלאַץ? — אויף דיזע פראגען ענטפערט אויף פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

קורץ:

פּאָליטישע עקאָנאָמיע*) בעשעפטיגט זיך מיט דער געזעלשאַפטליכער זייט פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט און מיט די ענ־דערונגען, וועלכע קומען אין איהר פאָר.

*) דאָס וואָרט עקאָנאָמיע שטאַמט פון די גריכישע ווערטער „אָיקאָס" — הויז און „נאָמאָס" — געזעץ, אָרדנונג. עקאָנאָמיע הייסט אַלזאָ הויז־האַלטונג, הויז־ווירטשאַפט, באַלעבאַטעשקייט. „פּאָליטישע" קומט פון גריכישען וואָרט „פּאָליס" — שטאָדט, שטאַאט. די ווערטער פּאָליטישע עקאָנאָמיע בעדייטען אַלזאָ די געזעצען פון דעם כלל'ס באַלעבאַטעשקייט.

צווייטע לעקציע

1. די לעהרע פון פראָדוקציע

א) די נאטור

דריי אָבטיילונגען פון דער פאָלקס ווירטשאַפט; אַלגעמיינע בעגריפען וועגען פראָדוקציאָן; די בעדינגונגען פאַר דער פראָדוקציאָן; דער איינפלוס פון דער נאַטור אויף דער פראָדוקציאָן: קלימאַט, באָדען, וואַסערן, פלאַנצען און חיות; די פערענדערונגען אין די נאַטור־בעדינגונגען; די ווירקונג פון מענשען.

די פאָלקס ווירטשאפט בעשטעהט פון דריי טיילען: פון'ם שאפען מיטלען צום לעבען, פון דעם פונאנדערטיילען די מיטלען צווישען די מיטגלידער אין דער געזעלשאפט און פון'ם געברויכען די פראָדוקטען.

אין די אמאָליגע צייטען, ווען די פראָדוקטען זיינען געשאַפען געוואָרען צום אייגענעם געברויך איז די פונאנדערטיילונג געווען זעהר אַן אייגפאַכע און האָט פערנומען אַן אונבעדייטענדען פלאַץ אין דער גאנצער ווירטשאפט. די הויפט ארבייט איז בעשטאנען אין'ם שאפען די פראָדוקטען און זייער געברויך. אין דער היינטיגער ווירטשאפט, וואו די פראָדוקטען ווערען ניט געשאפען פאר'ן אייגענעם געברויך, נאָר פאר'ן מארק, איז דער מיטעל רינג פון דער ווירטשאפט — די פונאנדערטיילונג — זעהר וויכטיג. די ארבייט איז היינט אזוי צוטיילט, דאָס יעדערער ארבייט נאָר אויס אַ קליינעם טייל (און דאָס רוב גאָרניט) פון די לעבענס מיטלען, וואָס ער פערנוצט פאר זיך. דאָס רוב לעבענס־מיטלען בעקומט יעדערער דורך טויש, דורך דעם, וואָס ער טוישט אויס די פראָדוקטען פון זיין אייגענער ארבייט אויף די פראָדוקטען פון אנדערען'ס ארבייט. יעדער מענש איז אין היינטיגע צייטען אָבהענגיג פון אזוינע מענשען, וועלכע ער קען גאָרניט און וועלכע ער האָט אין זיין לעבען גאָר קיין מאָל ניט אָנגעזעהן. יעדערער איז נאָר אַ קליינער טייל, אַ שרייפעל פון דער גרויסער געזעלשאפטליכער מאַשין. דער מיטעל רינג, די פונאנדערטיילונג, איז זעהר אַ וויכטיגער טייל אין דער פאָלקס־ווירטשאפט. אַ ספעציעלער קלאַס — סוחרים — בעשעפטיגט זיך מיט דער

פונאַנדערטיילונג. די גאַנצע פאָלקס ווירטשאַפט ווערט דעריבער איינגעטיילט אין דריי אָבטיילונגען:

1) פּראָדוקציע — אָדער — שאַפען פון די פּראָדוקטען;
2) צירקולאַציע — אָדער — פונאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען;
3) קאָנסומפּציע — אָדער — געברויך פון די פּראָדוקטען.

1. פּראָדוקציע.

פון פריהער ווייסען מיר, אז די ארבייט פון שאַפען די פּראָדוקטען איז פערבונדען מיט דעם בעגריף פון פּראָדוקציע.

שאַפט דער מענש, באמת, נייע זאַכען? נייע פּראָדוקטען? געוויס ניט!

ווען א שניידער, למשל, נעהט אויף א בגד, האָט ער מיט זיין ארבייט קיין נייע מאַטעריאַל ניט בעשאַפען; ער האָט גענומען פאַרטיגע מאַטעריאַל — טוך, פאָדים, קנעפּ א. א. וו. און האָט פון זיי מיט זיין ארבייט געמאַכט א נוצליכע זאַך, א פּראָדוקט, וואָס בעפרידיגט א מענשליכע בעדערפניש. דאָס טוך האָט ער אַליין ניט בעשאַפען, דעם פאָדים און די קנעפּ אויך ניט. דאָס האָט ער געקראָגען פאַרטיג. אפילו דער וועבער, וועלכער האָט געוועבט דאָס טוך האָט קיין נייעס ניט געשאַפען, ער האָט עס פון פאַרטיגע וואָל אויסגעוועבט. די וואָל גופא איז געוואַקסען אויף שאָף און די שאָף האָבען געקענט ברענגען וואָל, ווייל די נאַטור האָט מיט איהרע גראָזען זיי געגעבען די מעגליכקייט זיך צו האָדעווען און צו וואַקסען.

אפילו דער פאַרמער שאַפט אויך ניט מיט זיין ארבייט נ י י ע מאַטעריאַל; מיט זיין ארבייט טהוט ער בלויז אויף, אז די נאַטור זאָל עפענען איהרע אוצרות און זאָל ערלויבען, אז דאָס מאַטעריאַל און די עלעמענטען, וועלכע געפינען זיך אין איהר, זאָל קענען בעאַרבייט ווערען אין די נוצען פון מענשען. קיין נייע זאַכען ווערען בכן ניט בעשאַפען. עס ווערט בלויז ב ע א ר ב י י ט דאָס מאַטעריאַל, וואָס די נאַטור גיט אונז. מען דאַרף דעריבער אונטער פּראָדוקציע אין ריכטיגען זין פערשטעהן ניט דאָס שאַפען א נייעס, נור דאָס בעאַרבייטען פון מאַטעריאַלען, דאָס געבען געוויסע שטאָפען א נייע פאָרם, א ניי געשטאַלט און אויסזעהן.

ניט יעדע ענדערונג אין די מאַטעריאַלען פון דער נאַטור קען אָנגערופען ווערען פּראָדוקציע. ווען איינער וועט גראָבען ערד

סתם אין דער וועלט אריין, אָדער גיסען וואַסער אין ים אָהן א שום צוועק, וועט זיין ארבייט ניט בעטראַכט ווערען אלס פּראָדוקטיווע ארבייט נאָר אלס נוצלאָזע, אונפּראָדוקטיווע ארבייט.

פּראָדוקציע מיינט—דאָס איבערארבייטען פון'ם מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין דער נאַטור, אין אַזוינע זאַכען, וועלכע בעפרידיגען די מענשליכע בעדטרפנישען.

איצט ווען מיר האָבען שוין אַ בעגריף מכח דעם עצם פון דער פּראָדוקציע וועלען מיר אָנפאַנגען צו בעטראַכטען אויספיהרליך די בעדינגונגען, פון וועלכע די פּראָדוקציע איז אָבהענגיג.

מיר האָבען דאָ בעוויזען, אַז די פּראָדוקציע איז ניט אַנדערש, ווי דאָס בעאַרבייטען און איבעראַרבייטען פון די קרעפטען און מאַטעריאַלען, וואָס מיר געפינען גרייט אין דער נאַטור פאַר זאַכען, וועלכע האָבען דעם צוועק צו בעפרידיגען מענשליכע בעדערפנישען.

עס איז דעריבער פערשטענדליך, אַז יעדע פּראָדוקציע איז אָבהענגיג פון דער נאַטור, פון איהרע בעדינגונגען, מאַטעריאַלען און עלעמענטען, מיט וועלכע די פּראָדוקציע האָט צו טהאָן.

אום דאָס מאַטעריאַל פון דער נאַטור זאָל קענען צופרידענשטעלען די מענשליכע בעדערפנישען דאַרף מען ארבייטען, אויסלאָזען כח, ענערגיע און יעדע פּראָדוקציע האָט דעריבער זיך צו רעכענען מיט דער מאָס ארבייט, ווי מיט דער אַרט און ווייזע, ווי די געזעלשאַפט ארבייט.

ארבייטען קען מען ניט מיט הוילע הענד, מען מוז דערצו האָבען געצייג, מען דאַרף אין די היינטיגע צייטען אויך האָבען געלד און אַנדערע הילפס-מיטלען, אום מען זאָל קענען אָנגעהן מיט דער ארבייט און דעריבער איז יעדע פּראָדוקציע אָבהענגיג פון

א) נאַטור,
ב) ארבייט,
ג) קאַפּיטאַל.*)

*) בעמערקונג: אין גרונד גענומען זיינען פאַראַן ניט מעהר, ווי צוויי בעדינגונגען, פון וועלכע די פּראָדוקציע איז אָבהענגיג: נאַטור און אַרבייט. די נאַטור איז די מוטער, דער פּאַסיווער עלעמענט פון דער פּראָדוקציע און די אַרבייט איז דער פאָטער, דער אַקטיווער עלעמענט פון

א) נאַטור.

צו די נאַטירליכע בעדינגונגען, וועלכע האָבען אַן איינפלים אויף דער פּראָדוקציע, געהערען:

1. דער קלימאַט — די וואַרעמקייט און פייכטקייט אין דער אַטמאָספערע, און די לופט בעוועגונגען(ווינטען).

יעדער אָרגאַניזם, אַ חיה אָדער אַ פלאַנץ, דאַרף האָבען אַ געוויסע טעמפּעראַטור פאַר זיין עקזיסטענץ. אין די גאַנץ קאַל־טע לענדער קענען צ. ב. ניט וואַקסען פיעל זומער תבואות און די מענשליכע אַרבייט קען דערביי גאָר ניט אויפטהאָן. פער־קעהרט, אין די וואַרעמע לענדער וואַקסען פערשידענע מינים תבואות און פרוכטען און די פּראָדוקציע פון לעבענס־מיטעל איז פיעל לייכטער.

אויסער פון דער וואַרעמקייט איז די פּראָדוקציע אָבהענגיג פון דער פייכטקייט. אין מאַנכע ערטער, וואו די טעמפּעראַ־טור איז זעהר אַ גוטע, זיינען די פערמעס ניט געראָטען, ווייל עס רעגענט צו פיעל אָדער, ווייל עס רעגענט צו ווענינ. אין דרום־רוסלאַנד זיינען גאַנץ אָפט די גערעטענישען זעהר שלעכט, ווייל די לופט איז צו טרוקען. אין אַמעריקא ווידער זיינען דאָ אַ סך ערטער, וועלכע טויגען ניט פאַר תבואות צוליעב דעם, ווייל זיי זיינען זומפּיג.

אויך די ווינטען בעאיינפלוסען די פּראָדוקציע. מאַנכע אונטערנעהמונגען זיינען אין גאַנצען אָבהענגיג פון ווינטען, ווי אַ שטיינער, ווינט־מיהלען, זעגעל־שיפען א. א. וו. אפילו אין דער ענטדעקונג פון אַמעריקא האָבען ווינטען געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָליע. פון דער אַנדערער זייט טרעפט עס, אַז ווינטען ברענ־גען פיעל שאָדען, זיי מאַכען אַ תל פון פיעלע מענשליכע אויפ־

דער פּראָדוקציע. די אַרבייט ווירקט אויף דער נאַטור און עס ווערען דורך דעם בעשאַפען פּראָדוקטען צום לעבען. דאָס וואָס מיר רופען קאַ־פּיטאַל איז, ווי מיר וועלען ווייטער זעהען, ניט מעהר ווי פערגליווערטע אַרבייט. געצייג, אינסטרומענטען, מאַשינען האָבען מיר בעקומען נור דורך דעם, וואָס דער מענש האָט גענומען מאַטעריאַל פון דער נאַטור און עס איבערגעאַרבייט אין ניצליכע זאַכען. מיר בעטראַכטען דאָ פון דעסט־וועגען קאַפּיטאַל אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע בעזונדערע בעדינגונג, כדי עס זאָל אונז זיין לייכטער פונאַנדערצוגלידערען דעם גאַנצען ענין פון דער פּראָדוקציע און אריינקוקען אין איהר תוך. אין היינטיגע צייטען האָט זיך דאָס קאַפּיטאַל אַזוי דערוויטערט פון זיין מוטער אַרבייט, דאָס עס דאַרף בעטראַכט ווערען אַלס אַ בעזונדערע קראַפט פאַר דער פּראָדוקציע.

טהואונגען. אַט האָט דאָ דער שטורם, וואָס איז געווען אין מזרח אמעריקא דעם 1טען מערץ 1914, פעראורזאכט פיעל מיליאָנען שאָדען. פון א געוואלדיגער מאסע מענשליכער ארבייט איז אין א פּאָר שעה געוואָרען א חורבן.

2. ד ע ר ב אָ ד ע ן — די פיזישע אייגענשאַפטען און די כעמישע צוזאמענזעצונג פון דער אויבערשטער ערד שאָלעכץ.

יעדער פּארמער, אויב ער וויל בעארבייטען זיין לאַנד, מוז זיך שטענדיג רעכנען מיט די אייגענשאַפטען פון זיין באָדען. אויף א זאמדיגען באָדען, למשל, קען מען זעען אנדערע מינים תבואות, ווי אויף א ליימיגען באָדען. א הומוס־באָדען, וואו עס איז פאראַן א סך פערפוילטע אָרגאַנישע שטאָפען, נויטיגט זיך שוין ווייטער אין אַן אנדער סאָרט פלאַנצען. דאָס זעלבע מוז דער פּארמער, ווען ער אָרגאַניזירט זייןווירטשאַפט, זיך רעכנען מיט די כעמישע עלעמענטען און זאַלצען, וועלכע ריענען אַלס נאָהרונגס־מיטעל פאר די פלאַנצען.

דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט בנוגע לאַנד ווירט־שאַפט, פאסט זיך בנוגע דער קוילען און מעטאַלען פּראָדוקציע. די ארבייט אין די מינען, אין די שאַכטען, ווענדעט זיך פון די מינעראַלען און מעטאַלען, וועלכע געפינען זיך אין די ערד שיכ־טען. קיין מענש איז ניט אימשטאַנד צו מאכען פון א קופּער־שאַכט א גאָלד־שאַכט; פון א קוילען־שאַכט — א קופּער־שאַכט.

3. י מ י ם א ו ן ט י י כ ע ן ; ב ע ר ג א ו ן ט אָ ל ע ן. דער שיפבוי, ווי אויך דער האנדעל מיט די אריינגע־פיהרטע און ארויסגעפיהרטע סחורות, האָט זיך געקענט ענטוויק־לען בלויז אין די ערטער, וועלכע ליגען לעבען ים. א דאַנק די וואַסער־וועגען האָט זיך אויך ענטוויקעלט דער פערקעהר צווישען מענשען. מענשען פון פערשיידענע לענדער און נאַציעס טרעפען זיך און לערנען איינער פון אנדערן אָב די פערשיידענע אופנים, ווי בעסער צו פּראָדוצירען זאכען פאר'ן מענשליכען בעדאַרף.

אין גריכען לאַנד און איטאַליען — לענדער, וועלכע ליגען לעבען ימים — האָט זיך די פּראָדוקציע ענטוויקעלט פריהער, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער. דאָס איז הויפּטזעכליך פאַרגעקו־מען צוליעב דעם, ווייל דער מיטעללענדישער ים (ים התכון) האָט זיי פעראייניגט מיט די קולטור פעלקער פון אזיע און אַפריקא.

בערג האָבען, פערקעהרט, א שלעכטע ווירקונג אויף די פּראָ־דוקציע. ימים און טייכען דערנעהנטערען און ברענגען צוזאמען

פערשיידענע מענשען, אין דער צייט, ווען בערג טיילען מענשען פונאַנדער, מאַכען שווערער דעם פערקעהר און פערלאַנגזאַמען די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע.

אויך טאָלען האָבען אַן איינפלוס אויף דער פּראָדוקציע. די מילך פּראָדוקציעס זיינען אַממייסטען ענטוויקעלט אין די נידע־ריגע לענדער, ווייל דאָרטען וואַקסען זעהר גוט פערשיידענע גראָ־זען, וועלכע דינען אַלס נאַהרונג, אַלס פוטער פאַר בהמות. בערג און טאָלען שפּיעלען אויך אַ גרויסע ראָליע אין מלחמות.

3. פּ ל אַ ר אַ (פּ ל אַ נ צ ו נ ג ע ן) און פ אַ ו נ אַ (ח י ו ת). פון דער פלאַנצען־וועלט האָבען וועלדער זעהר אַ גרויסע בעדייטונג אין דער פּראָדוקציע. די האָלץ און ברעטער־פאַבריקען קענען זיך ענטוויקלען בלויז אין די ערטער, וואו עס זיינען פאַראַן גרויסע וועלדער. אין די אַלטע צייטען האָבען וועלדער געדיענט אַלס אַ שוץ פאַר דער בעפעלקערונג. זיי האָבען אויך געדיענט אַלס גרענעצען אָבצוטיילען איין לאַנד פון דעם צווייטען. דאָרטען, וואו דאָס לאַנד איז בעדעקט מיט דיקע אונדורכדרינגליכע וועלדער, זיינען מענשען פערהעלטניסמעסיג זעהר וועניג, אויב מען זאָל די צאָהל מענשען צוטהיילען אויף די איינ־הייטען פון שטח לאַנד. אַרום די וועלדער האָט זיך אַם מייס־טען ענטוויקעלט די יאַגד־בעשעפטיגונג און אַרום די לאַנקעס האָט זיך ענטוויקעלט די פיה־צוכט.

די פערשפּרייטונג פון חיות האָט אויך געהאַט ניט קיין קליינע ווירקונג אויף דער פּראָדוקציע.

דער קאַמפּף מיט די ווילדע חיות האָט ענטוויקעלט די וואַפען און געוועהר פון די ערשטע מענשען, האָט זיי געצוואונגען צו לע־בען צוזאַמען און צו פיהרען אַ געמיינשאַפטליכען, בחברותא'דיגען לעבען. די מורא פאַר ווילדע חיות האָט אויך געצוואונגען דעם מענשען זיך צו בענוצען מיט פייער אַלס פערטיידיגונגס מיטעל, נאָך אַ צייט פריהער, איידער דער מענש האָט זיך מיט איהם בע־נוצט אַלס אַ מיטעל צו קאָכען.

נאָך אַ גרעסערע בעדייטונג ווי די ווילדע חיות האָבען די הויז־חיות און בהמות פאַר דער פּראָדוקציע.

אויסערדעם, וואָס די בהמות גיבען פלייש ,פעלען, ביינערנע זאַכען דעם מענשען, דיענען זיי אויך אַלס די בעסטע העלפער זיינע אין זיין אַרבייט, ווי פערד, קעמלען, אייזלען, הינט אז"וו. די אָבגעשטאַנענקייט פון די אויסטראַלישע שבטים ערקלערט

זיך טײלווײז דערמיט, וואָס בײ זײ איז געווען ווייניג הויז־חיות, וועלכע זאָלען זײ העלפען זיך צו בעפרײען פון דעם שווערען קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ. די אָרעמקייט פון הויז־חיות אין אַמע־ריקאַ איז אויך געווען איינע פון די אורזאַכען פאַר וואָס די אינ־דיאַנער זײנען געבליבען אין ווילדען צושטאַנד. ניט האָבענדיג קײן העלפער האָבען די אַמעריקאַנישע שבטים זיך ניט געקענט בעפרײען פון זײער ווילדען ציגײנער לעבען, זײ האָבען ניט געהאַט די מעגליכקײט זיך צו בעשעפטיגען מיט לאַנד־ווירטשאַפט, ווײל זײ האָט געפעהלט בהמות דערצו.

ווען מיר בעטראַכטען די ווירקונג פון די נאַטירליכע בעדינ־גונגען אויף דער פּראָדוקציע קומען מיר צום פאָלגענדען כלל: וואָס מעהר די נאַטור גיט דעם מענ־שען, אַלץ לײכטער און פאָרטשריט־ליכער איז זײן אַרבײט — די פּראָ־דוקציע.

ווען די נאַטור איז אָבער צו רײך, ווירקט זי ווידער ניט גוט אויף דער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע. אין אַנדערע פעלען ווירקט אַ צו רײכע נאַטור פּונקט אַזוי שלעכט, ווי אַ צו אָרימע.

ווען דער מענש בעקומט מיטלען צום לעבען גרינג, גרײט פון די נאַטור, דאַן איז ער ניט געצוואונגען צו אַרבײטען און די פּראָדוקציע ענטוויקעלט זיך ניט. אין די הײסע לענדער פון אַפריקאַ וואַקסט אַ מין צוקער־פּלאַנצונג, וואָס אײן בוימעל איהר־רער קען ערנעהרען אַ פאַמיליע אויף אַ גאַנצען טאָג. אום צו פערפּלאַנצען אַזוינע 400 בוימלעך דאַרף מען נור האָבען אײניגע טאָג אַרבײט. עס פערשטעהט זיך, אַז וויבאַלד דער מענש איז פערזאָרגט מיט זײן חיונה אויף אַ יאָהר צײט און די נויט טרײבט איהם ניט צו אַרבײטען, איז אונמעגליך, אַז די פּראָדוקציע זאָל דאָרטען וואַקסען.

ווען די נאַטור איז צו אָרעם ענטווי־קעלט זיך אויך זעהר שלעכט די פּראָדוקציע. די גאַנצע צײט געהט בײם מענשען אַוועק אום צו בעקומען די נויטווענדיגסטע לעבענסמיטלען און עס בלײבט ניט קײן צײט און קײן כח צו טראַכטען, ווי אױסצובעסערען די פּראָדוקציע.

דאָס אויפבויען אַ וואַרימע דירה און דאָס אויפנעהען וואַ־

רעמע קליידער נעהמט אוועק ביים איינוואוינער אין די קאַלטע לענדער זעהר פיעל ציים און ענערגיע. בעת דער איינוואוי־נער אין די וואַרימע לענדער בעקומט דאָס אַלעס זעהר גרינג. אפילו שפייז דאַרף אויך דער ערשטער האָבען מעהר פאַר׳ן צוויי־טען. דער איינוואוינער אין די קאַלטע לענדער איז אַ גרעסערער נצרך און דאַרף על פי יושר בעקומען פון דער נאַטור מעהרער ווי דער איינוואוינער פון די וואַרעמע לענדער. אין אמת׳ן אָבער איז די נאַטור צו איהם זעהר שלעכט. ער מוז פאַר די זעלביגע זאַכען אַרבייטען אַ סך מעהר, ווי דער פון די וואַרימע לענ־דער. די אַרבייט אין די גאַנץ קאַלטע לענדער איז ווייניג אָנ־געלייגט און ניט דער שכל און ניט די מעטאָדען פון אַרבייט קענען זיך ענטוויקלען.

אַ צו רייכע און אַ צו אָרעמע נאַטור ווירקען אויף גאַנצע געזעלשאַפטען פונקט, ווי אַ גאַנץ רייכע ירושה און האָפענונגס־לאָזען אָרעמקייט ווירקען אויף איינצעלנע מענשען.

פאַר דער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע זיינען בעסער פון אַלע די בעדינגונגען אין די מעסיגע לענדער. די נאַטור איז דאָרטען ניט זעהר רייך און ניט זעהר אָרעם; דער מענש דאַרף ניט ווייניג האָרעוען, אָבער ניט אַזוי פיעל, אַז די אַרבייט זאָל פון איהם אוועקנעהמען די מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען.

די געשיכטע ווייזט אונז, אַז די ערסטע גרויסע שריט פון דער ענטוויקלונג, די ערשטע קערנער פון דער קולטור זיינען גע־ווען פאַרזעעט אין די וואַרימע לענדער, וואו די נאַטור איז זעהר רייך — אינדיען, בבל, אשור, מצרים, א. אז. וו. דאָס איז אויך גאַנץ פערשטענדליך. ביי די איינוואוינער פון די דאָזיגע לענ־דער איז שטענדיג געווען זעהר פיעל פרייע צייט, ווייל מיטלען צום לעבען האָבען זיי בעקומען זעהר גרינג. אָט די קערנער האָ־בען זיך אָבער ענטוויקעלט בלויז ביז אַ געוויסען גרענעץ. נאָך דעם איז געקומען אַ שטילשטאַנד. שפּעטער האָבען די פעלקער פון די מעסיגע לענדער איבערגענומען די קולטור ביי די פעלקער פון די הייסע לענדער און האָבען זי אַ סך מעהר ענטוויקעלט. אויך איצט שטעהט די פּראָדוקציע און, איבערהויפּט, די גאַנצע קולטור אַ סך העכער אין די מעסיגע לענדער — אין אייראָפּע און אין די פעראייניגטע שטאַאטען (נאָרד אַמעריקאַ).

די נאַטירליכע בעדינגונגען בלייבען ניט אַלע מאָל די זעל־

ביגע. זיי ענדערען זיך, זיי בייטען זיך און מיט זיי בייט זיך געוועהנליך זייער ווירקונג אויף דער פראָדוקציע.

די פערענדערונגען אין דער אויסערליכער נאַטור קען מען פונאַנדערטיילען, ערשטענס, אויף זעלבסטשטענדיגע פערענדערונגען, אַזעלכע, וועלכע קומען פאָר דורך די קרעפטען פון דער אויסערליכער נאַטור גופא; און, צווייטענס, אויף פערענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אַ דאַנק דער אַרבייט פון מענשען.

צוליעב דער שטענדיגער, אונאויפהערליכער בעוועגונג פון די פערשיידענע פליסיגע מעטאַלען, וועלכע געפינען זיך אין אונזער ערד, קומען פאָר פערענדערונגען אין דער ערד־שאָלעכץ. אַנדערע ערטער פון דער ערד־שאָלעכץ הייבען זיך אויף און אַנדערע וויעדער לאָזען זיך אַראָב נידעריגער. עס בילדען זיך נייע בערג, נייע אינזלען און צוליעב דעם פערענדערן זיך ממילא אויך די ימים.

פון דער געאָלאָגיע איז בעוואוסט, אַז אַמאָל, פיעל טויזענדער יאָהר צוריק, איז דער קלימאַט אין אייראָפּע געווען אַ סך קעלטער, ווי איצטער, אַן ערך אַזעלכער, ווי דער קלימאַט איצט אין סיביר. פון די פערשיידענע נאָכבלייבענישען, פון די ביינער, שטיינערנע געוועהר, וואָס מען געפינט איצט אין דער ערד, זעהט מען, אַז דעמאָלט האָבען דאָרטען אויך געוואוינט מענשען. די בייזע נאַטור פון יענער צייט איז געווים געווען אַ גרויסע שטערונג פאַר דער פראָדוקציע.

אַזוינע זעלבסטשטענדיגע פערענדערונגען קומען אָבער פאָר זעהר לאַנגזאַם. פאַר דער פראָדוקציע פון דער צייט, מיט וועלכע פאָליטישע עקאָנאָמיע בעשעפטיגט זיך, האָבען אַזעלכע לאַנגזאַמע פערענדערונגען קיין שום בעדייטונג ניט. אַ יוצא מן הכלל זענען די פערענדערונגען, וועלכע ענטשטעהען פּלוצלונג, דורך אַ פערפלייצונג, דורך אַן ערד־ציטערניש, דורך אַ וואולקאַן א. אַז. וו. אַזעלכע קאַטאַסטראָפען האָבען אַלע מאָל זעהר אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער פראָדוקציע.

פיעל שנעלער קומען פאָר די פערענדערונגען אַ דאַנק דער אַרבייט פון מענשען.

אָט די ענדערונגען האָבען ניט אַלע מאָל דיזעלביגע ווירקונג. אַנדערע מאָל פערבעסערען זיי די פראָדוקציע און אַנדערע מאָל, פערקעהרט, מאַכען זיי נאָך ערגער די נאַטירליכע בעדינגונגען אין ממילא אויך די פראָדוקציע.

מיר וועלען דאָ ברענגען אייניגע ביישפּיעלען:

ווען מענשען האַקען אויס די וועלדער, ווערט דער קלימאַט אַלץ טרוקענער, די ווינטערדיגע קעלטען און די זומערדיגע היצען ווערען שטאַרקער; טריקענט מען אויס די בלאָטעס, זומ־פּען — פערבעסערט זיך דער באָדען, ער ווערט פרוכטבאַרער; אויך דער קלימאַט פערבעסערט זיך. דער מענש קען דורך קינסט־ליכע מיטלען, דורך מיסטיגונג, דורך דרענאַזש, מאַכען פון אַ װעניגער פרוכטבאַרע לאַנד אַ מעהר פרוכטבאַרע.

דורך דעם, וואָס מענשען מאַכען טיפער די טייכען און פער־אייניגען זיי דורך קאַנאַלען, פערבעסערען זיך די וואַסער־וועגען און דער פערקעהר ענטוויקעלט זיך. אַ דאַנק די אייזענבאַהנען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו בעגעגנען מענשען פון אַזוינע ערטער, צווישען וועלכע דער פערקעהר איז פריהער געווען אונמעגליך אי־בער דעם גרויסען מהלך, וואָס איז צווישען זיי געווען. מענשען שניידען דורך גאַנץ גרויסע בערג, זיי בויען טונעלען. דער קאַנאַל זועץ האָט פעראייניגט צוויי אָבגעטיילטע אָקעאַנען — דעם אינדי־שען און דעם אַטלאַנטישען און אויף אייניגע טויזענד מייל האָט דאָס דערנעהנטערט צו איירָאפּאַ צפון און מזרח אַזיען. אַלעמען איז איצט קלאָהר די גוואַלדיג־גרויסע אויסזיכטען פאַר דער אַלוועלט־ליכער פּראָדוקציע, וואָס דער פּאַנאַמאַ קאַנאַל האָט איצט געגעבען, און דאָס איז דער בעסטער בעוויז, אַז דער מענש קען אין פיעלע פּרטים ענדערן די נאַטור־בעדינגונגען און ממילא אויך די פּראָדוק־ציע.

דריטע לעקציע.

ב) ארבייט

בעגריף וועגען אַרבייט; פּראָדוקטיווע און ניט־פּראָדוקטיווע אַרבייט; אינדיווידועלע און געזעלשאַפטליך־נוצליכע אַרבייט; איינפאַכע און קוואַליפיצירטע אַרבייט; די קוואַנטיטעט און די קוואַליטעט (כמות און איכות) פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט; געצוואונגענע און פרייע אַרבייט; אַ סך הכל.

נאָך דעם ווי מיר האָבען שוין אַ בעגריף וועגען דעם איינפלוס און דער ווירקונג פון דער נאַטור, געהען מיר איצט איבער צו דער צווייטער בעדינגונג, פון וועלכער די פּראָדוקציע איז אבהענגיג — צו אַרבייט.

די נאַטור גרייט פאַר אונז אָן דאָס מאַטעריאַל און גיט אונז אויך די בעקוועמליכקייטען, כדי מיר זאָלען קענען מאַכען אַ לעבען. זי גיט אונז ליכט, נאַהרונג, וואַסער צו טרינקען, שטאָף פאַר קליידער, האָלץ און ליים פאַר דירות א. אז. וו. מיר קענען אָבער ניט קומען אויף אַלעם פערטיגען און נעהמען פון דער נאַטור אַלין, וואָס אונז איז נויטיג. אום מיר זאָלען קענען בעפרידיגען אונזערע בעדירפנישען מיט די מתנות פון דער נאַטור, מוז מען פריהער *אַרבייטען*. בלויז פון לופט און ליכט קענען מיר געניסען אָהן אַרבייט. פאַר די איבעריגע טובות, וואָס די נאַטור טהוט מיט אונז, מוזען מיר צאָהלען אַ צינז אין דער פאָרם פון אַרבייט. אפילו וואַסער בעקומען מיר זעלטען אומזיסט. נאָר דורך דער אַרבייט ווערט דאָס מאַטעריאַל פון דער נאַטור פערוואַנדעלט אין פּראָדוקטען. ניט אַלע זאַכען, וועלכע בעפרידיגען אונזערע בעדערפנישען, זיינען פּראָדוקטען. לופט און ליכט, למשל, זיינען בלויז מתנות, טובות פון דער נאַטור. ריידען מיר אָבער פון פּראָדוקטען, טאָ דאַרף מען שטענדיג פערשטעהן, אז מיר האָבען דאָ אין זינען אַזוינע זאַכען, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך *מענשליכע אַרבייט*. אָהן אַרבייט קאַן ניט זיין קיין פּראָדוקציע, פונקט ווי זי קען ניט זיין אָהן דער נאַטור.

אַרבייט הייסט אויסגעבען כח, ענערגיע. ניט יעדעס אויסגעבען פון ענערגיע האָט אָבער אַ ווירטשאַפטליכע בעדייטונג. ווען איינער וועט, למשל, גיסען וואַסער אין אַ זיפּ, אָדער ווען ער וועט אויסהאַקען בוימער אין וואַלד און זיי

דערנאָך פערברענען, אַז קיינער זאָל פון זיי קיין הנאה ניט האָבען, מעג ער זיך דערביי מוטשען ביז שוויס, קיין אַרבייט אין ווירטשאַפטליכען זינן וועט דאָס ניט זיין.

ווירטשאַפטליכע אָדער, בעסער געזאָגט, פּראָדוקטיווע אַרבייט הייסט אַזאַ אַרבייט, וואָס האָט דעם צוועק צו בעפרידיגען אַ מענשליכע בעדערפעניש, אָדער וואָס בעשאַפט פּראָדוקטען, וועלכע קענען בעפרידיגען מענשליכע בעדערפענישען.

ווען די אַרבייט ווערט געטהאָן פאַר אינדיווידועלע פערזענליכע בעדערפענישען, פאַר אַזוינע צוועקען, וועלכע קענען בריינגען נוטצען בלויז דעם יעניגען, וועלכער טהוט די אַרבייט און ניט קיין אַנדערן, דאַן האָט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע מיט דעם ניט צו טהאָן. עסען, טרינקען, צ. ב., זיינען נוצליך, און ממילא איז די אַרבייט, וואָס ווערט פערווענדעט בשעת'ן עסען אויך נוציג, אָבער דאָס איז אינדיווידועל־נוצליכע אַרבייט, ווייל די אַרבייט פון עסען בריינגט נוצען בלויז דעם אינדיווידואום, וועלכער טהוט די אַרבייט. פאַר אַן אַנדערן קען דיזע אַרבייט גאָרניט אויפטהאָן. פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אַלס אַ געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפט, האָט בלויז צו טהאָן מיט געזעלשאַפטליך־נוצליכע אַרבייט, ד. ה. מיט אַזאַ אַרבייט, וועלכע קען בעפרידיגען אַ בעדערפעניש, ניט נור פון דעם, וועלכער טהוט די אַרבייט, נור פון יעדען איינציגען מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט. די אַרבייט פון עסען און טרינקען ווערט דעריבער פון שטאַנדפּונקט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע ניט בעטראַכט פאַר אַן אַרבייט, וואָס בעפרידיגט אַ געזעלשאַפטליכע בעדערפעניש. דאָס נעהען שטיוועל — הגם די שטיוועל ווערט דערנאָך בענוצט פון דעם שוסטער, וועלכער האָט זיי געמאַכט — איז יאָ אַ געזעלשאַפטליך־נוצליכע אַרבייט, ווייל די אַרבייט פון נעהען שטיוועל קען אויך בעפרידיגען אַ בעדערפעניש פון אַן אַנדער מענשען.

ווען צוויי לענדער האָבען דיזעלביגע נאַטור בעדינגונגען און האָבען אויך די זעלביגע געצייג, וועט די פּראָדוקציע זיין ערפאָלגרייכער דאָרטען, וואו עס ווערט פאַרטהאָן מעהר אַרבייט. *)

*) אומעטום, וואו מיר געברויכען אין דעם דאָזיגען ווערק דאָס וואָרט „אַרבייט“ מיינען מיר געזעלשאַפטליך־נוצליכע אַרבייט.

די פראגע איז אָבער: ווי געפינט מען א מאָס אויסצומעסטען דעם סכום ארבייט, וואָס ווערט פערטהאָן? מיר האָבען דאָך פערשיעדענע סאָרטען ארבייט. די אייגענשאפט פון שוסטער'ס ארבייט איז דאָך ניט גלייך צו דער אייגענשאפט פון שניידערס ארבייט, און זייערע ביידענס ארבייט זיינען פערשידען פון דער ארבייט, וואָס דער שמיעד טהוט. דער שוסטער ארבייט ניט מיט די זעלביגע מוסקולען, מיט די זעלביגע נערווען, ווי דער שניידער; און דער שמיעד ווידער געברויכט אנדערע מוסקולען צו דער ארבייט, ווי די ערשטע ביידע. מיר האָבען פּראָסטע, געוועהנליכע ארבייט פון א געוועהנליכען שכיר־יום, פון א פּראָסטען טאג־לוינער, מיר האָבען אויך די גאנץ קאָמפּליצירטע ארבייט פון א גרויסען מעכאניקער, פון א געלעהרטען, פון א קינסטלער. ווי קען אָנגעוועגדעט ווערען — ווערט מען פרעגען — איינע און די־זעלבע מאָס צו פערשיידענע זאָרטען, צו פערשיידענע אייגענשאפּטען און וואָס, וועלכע ארבייט, דיענט פאר אן איינהייט אום צו מעסטען די גאנצע סומע געזעלשאפטליך־נוצליכע ארבייט, וואָס ס'ווערט פערוועגדעט?

דער תירוץ איז, אז מיר אינטערעסירען זיך ניט מיט דעם שטייגער, ווי יעדער ארבייטער לאָזט אוים זיין כח, זיין ענערגיע, נאָר מיט דעם ס ך ה כ ל כח, וואָס ווערט בכלל אויסגע־געבען פאר נוצליכע צוועקען. מיר מעסטען אוים די ענערגיע, די ארבייטס־קראפט, וואָס ווערט פערטהאָן און מיר קימערען זיך ניט מיט דעם, ו ו ע ל כ ע מוסקולען, ו ו ע ל כ ע נער־ווען עס זיינען געברויכט געוואָרען ביי דער ארבייט. פאר דעם עקאָנאָמיסט איז די ענערגיע פון איין אָרגאַן גלייך צו דער ענערגיע פון צווייטען אָרגאַן; פאר איהם זיינען אַלע טיילען פון קערפּער גלייך. די ענערגיע, וואָס דער שוסטער פערוועגדעט ביים נעהען א פּאָר שטיוועל, איז פאר'ן עקאָנאָמיסט גלייך צו דער ענערגיע וואָס א געלעהרטער לאָזט אוים צו שרייבען זיין ווערק. אין גע־וועהנליכען לעבען איז אויך אזוי. מען זאָגט: חיים דער שניידער הארעוועט מעהר פון ברוך דעם שמיעד, אז דער אָדער יענער דאָק־טאָר ארבייט מעהר, ווי דער אָדער יענער אינזשינער; מען בע־טראכט דאָ אַלזאָ ניט די איכות פון דער ארבייט, נאָר די כמות. מען בעטראכט די ארבייט, ווי א פערשוועגדונג פון מארך, נערוען, מוס־קולען, בלוט א. אז. וו. ו ו י דיזע פערשוועגדונג קומט פאָר,

ו ו ע ל כ ע מוסקולען, מארך און נערוועז עס ווערען געברויכט צו דער ארבייט — וועגען דעם רעדט מען ניט.

אלס מאס דיענט די ארבייט פון א געוועהנליכען אונגעלערנטען ארבייטער. זיין ארבייט איז די איינפאכסטע, און דעריבער דינט זי אלס מאס. מיר נעהמען א דורכשניטליכען אונגעלערנטען ארבייטער פון מיטעלען געזונד, מיט מיטעלע געצייג און דער סכום ארבייטס קראפט, וואס ער פערוועגדעט א טאג, למשל, דיענט אלס איינהייט. די יעניגע ארבייט, צו וועלכע מען דארף זיך פריהער לערנען, איז שוין ק ו ו א ל י פ י צ י ר ט ע ארבייט, זי איז שוין פון א העכערער אייגענשאפט, און הגם דער קוואליפיצירטער ארבייטער ארבייט די זעלבע שטונדען, ווי דער פראסטער ניט-גע-לערנטער ארבייטער, ווערט אבער זיין ארבייט בעטראכט פאר א גרע סערע סומע ענערגיע, ווי ביים אונגעלערנטען. אום צו קענען טהאן די קוואליפיצירטע מלאכה מוז מען דאך פריהער פערווענדען צייט זי צו ערלערנען. א שוסטער דארף זיך לערנען, לאמיר אננעהמען, 2 יאהר אום צו קענען די מלאכה; א זייגער-מאכער — פינף יאהר; א דאקטאר — 10 יאהר. און דעריבער דארף צו דער מאס ארבייט, וואס זיי פערווענדען, ווען זיי זיינען שוין אויסגעלערנט, אויך צו-גערעכענט ווערען די ענערגיע, וואס זיי האבען פערוועגדעט פאר דער צייט, ווען זיי האבען געלערנט די ארבייט.

10 שעה ארבייט פון א געוועהנליכען ארבייטער וועט דעריבער זיין גלייך, לאמיר זאגען, צו 8 שעה ארבייט פון א שוסטער; צו 6 שעה פון א זייגער-מאכער, צו 1 שעה פון א דאקטאר, א. אז. וו., א. אז. וו.

דער סכום ארבייט אין א געוויסע לאנד ווענד'ט זיך

1) פון דער גרויס פון דער בעפעלקערונג, פון דער אב-סאלוטער צאהל מענשען, וואס זיינען פאראן.

וואס מעהר מענשען עס איז פאראן אין א לאנד, אלס מעהר ארבייטס-קראפט איז דאס לאנד עלול צו צושטעלען. מענשען זיינען פאר דעם לאנד וויכטיג, פונקט ווי גוטע נאטור-בעדינגונגען. ווען די פעראייניגטע שטאאטען וואלט מיט הונדערט יאהר צוריק פערמאכט איהרע גרענעצען און ניט אריינגעלאזען אימיגראנטען, וואלט זי געוויס ניט געקענט ענטוויקלען אזא רייכקייט, אזוי פיעל האב און גוטס, ווי איצט. דער צופלוס פון מענשען פאר א לאנד, וואס האט געגוג נאטירליכע רייכטימער, איז א גליק. וואס מעהר מענשען, אלץ מעהר ארבייטס קראפט און אלץ בעסער די פרא-

דוקציע. ווייניג מענשען אין א לאנד איז א סימן דלות. פראנק־רייך איז מיט רעכט זעהר שטארק בעזאָרגט צוליעב דעם, וואס איהר בעפעלקערונג בלייבט אומגעפעהר שטעהן אויף איין אָרט און פערגרעסערט זיך ניט. עס איז קיין צווייפעל ניט, אז איינע פון די אורזאכען, פאר וואס דייטשלאנד איז עקאָנאָמיש שטאר־קער פאר פראנקרייך, איז וואס די בעפעלקערונג פון דייטשלאנד וואקסט שנעלער, ווי די בעפעלקערונג פון פראנקרייך.

אין דער געשיכטע געפינען מיר ניט ווייניג שטאטען, וועלכע האָבען געזוכט אלערליי מיטלען, אום צו פערגרעסערען די בע־פעלקערונג. אין קאלבער'ס צייטען (אין דער צווייטער העלפט פון 17טען יאהרהונדערט) איז אין פראנקרייך געווען ארויסגע־געבען א געזעץ, וועלכער האט בעפרייט פון אָבצאָהלונגען אויף 5 יאָהר אלע די, וועלכע האָבען חתונה געהאט ביז 21 יאָהר. די יעניגע, וועלכע האָבען געהאט 10 קינדער, זיינען בעפרייט געוואָרען אויף שטענדיג פון אָבצאָהלונגען.

די אבסאָלוטע צאָהל מענשען אין א לאנד גיט אָבער נאָך ניט קיין קלאָהרע פאָרשטעלונג פון דער ארבייטסקראפט, ווייל די מאס ארבייט איז אָבהענגיג ניט פון סתם מענשען, נור פון די א ר־ב י י ט ע נ ד ע מענשען. מענער ארבייטען מעהר, ווי פרויען, קינדער, און אלטע לייט, זיינען שלעכטע ארבייטער, אָדער גאָר קיין ארבייטער ניט. און דעריבער דארף מען נעהמען אין אנבע־טראכט ניט נור די כמות, ניט נור די גרויס פון דער בעפעלקע־רונג, נאָר אויך די איכות, דעם סאָרט מענשען, פון וועלכע די בעפעלקערונג איז צוזאמענגעשטעלט. די מאס ארבייט ווענדעט זיך אויף

2) פון דער קוואליטעט פון דער בעפעלקערונג, פון דעם סאָרט מענשען, פון וועלכע די בעפעלקערונג איז צוזאמענגעזעצט. דעריבער דארף מען נעהמען אין אכט

א) ד י פ ע ר ט י י ל ו נ ג א ו י ף ג ע ש ל ע כ־ט ע ר. א געלעהרטער האט אויסגערעכענט, אז דער כח פון א פרוי איז גלייך צו פינף זיינטעל פון א מאנ'ס כח. דאס הייסט, אז יעדער מאנסביל האט אונגעפעהר צוויי מאל אזוי פיעל כח, ווי א פרויענצימער. עס איז דעריבער פערשטענדליך, אז אום צו האָבען א ידיעה פון דער ארבייטס־קראפט, וואס געפינט זיך אין א געזעלשאפט, דארף מען וויסען די צאָהל פרויען אין פראָ־פאָרציע צו דער צאָהל מאנספערשוינען. אויסער דעם, וואס

פרויען זיינען בטבע שוואכער, נעהמען זיי בכלל א קלענערען אנ־טייל אין דער פראָדוקציע ווי די מענער און געוועהנליך קומט אוים אויפ'ן גורל פון די מענער אויסצוהאַלטען די פרויען. אין די אייראָפּעאישע לענדער זיינען אויף יעדע טויזענד מענער פאַראַן 1024 פרויען; אין אזיען — 958; אין אויסטראַליען — 852; אין אפריקא — 968; אין אמעריקא — 973.

מיט דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק און ארבייטס צוטיי־לונג ווערט אויך די פרוי אין איהר ארבייט אלץ מעהר אויסגע־גליכען צום מאַן. מאַנכע אינדוסטריען בעשטעהען דערהויפּט פון פרויען ארבייטער, ווי צ. ב. די בלוזען־אינדוסטרי (ליידיס וויסט מייקערס). די פערטיילונג פון די געשלעכטער הערט אויף צו שפּיעלען א גרויסע ראָליע אין דער פּראָדוקציע פון לאַנד.

א פיעל גרעסערע בעדייטונג ווי די פערטיילונג פון געשלעכ־טער איז

ב) דער עלטער פון די מענשען אין דער געזעלשאַפט. קליינע קינדער און אַלטע לייט זיינען ניט קיין ארבייטער און האָבען פאר דער ווירטשאַפט קיין בעדייטונג ניט. קינדער ביז'ן עלטער פון 15 יאָהר זיינען ניט פעהיג צו דער אר־בייט. דאָס זעלבע זיינען שוין אַלטע לייט פון איבער 70 יאָהר אויסגענוצט, אויסגעארבייט און טויגען ניט פאר דער פּראָדוקציאָן. דאָס, וואָס אין פיעלע לענדער, עקזיסטירט נאָך קינדער־ארבייט און וואָס אַלטע לייט זיינען געצוואונגען צו ארבייטען אום זיך צו דערהאַלטען, איז קיין בעוויז ניט, אז עס דאַרף זיין אזוי. די קינדער ארבייט און די ארבייט פון אַלטע לייט איז א ניט־נאָר־מאַלע ערשיינונג און דאַרף בעזייטיגט ווערען. קינדער ארבייט איז אַן אונגליק פאר דער געזעלשאַפט. צוליעב דעם, וואָס מען פאַנגט אָן צו ארבייטען צו יונג, ווערט דער אָרגאַניזם אויסגע־מוטשעט און ער קען זיך ניט ענטוויקלען. די יעניגע, וועלכע האָ־בען געארבייט קינדערווייז, ווערען שפּעטער אין די מיטעל־יאָהרען צי־גיך אַלט און אונפעהיג צו דער ארבייט. פאר דער פּראָדוקציע איז פיעל בעסער, עס זאָל זיין פערבאָטען קינדער ארבייט. אין פיעלע לענדער איז דער פערבאָט שוין איינגעפיהרט. אין די אנ־דערע לענדער וועלען אויך פריהער אָדער שפּעטער מוזען דורכגע־פיהרט ווערען געזעצען קעגען קינדער ארבייט.

אין'ם עלטער צווישען 15 און 20 יאָהר איז די ארבייטס־

קראַפט נור ענטוויקעלט אויף א העלפט. דאָס זעלבע איז אין׳ם עלטער פון 60 ביז 70 יאָהר.

די בעסטע ארבייטס־צייט איז פאַר׳ן מענשען ביי נאָרמאַלע בעדינגונגען אין׳ם עלטער פון 20 ביז 60 יאָהר. און ווען מיר ווילען וויסען וואָס פאַר א נאַציע געפינט זיך איין אין די בעסטע בעדינגונגען בנוגע דער ווירטשאַפט, טאָ דאַרף מען הויפטזעכליך נעהמען אין אנבעטראַכט די צאָהל מענשען אין׳ם עלטער פון 20 און 60 יאָהר. די אנדערע מענשען גיבען ווייניג אָדער גאָר ניט צו צו דער פּראָדוקטיווער קראַפט פון דער געזעלשאַפט. פּערקעהרט, זיי לעבען אויפ׳ן חשבון פון די פּראָדוציערענדע מענשען.

די מאָס געזעלשאַפטליכע ארבייט איז אויך אבהענגיג

ג) פון דעם געזונדהייטס־צושטאַנד פון דער בעפעלקערונג, פון דער צאָהל קראַנקע, וואָס זיינען אונפעהיג צו דער ארבייט. ביי צוויי לענדער מיט א גלייכער בעפעלקערונג און מיט דער גלייכער צאָהל פרויען, קינדער און אלטע לייט, וועט די מאָס ארבייט זיין גרעסער דאָרטען, וואו די צאָהל קראַנקע איז קלענער.

די קראַנקהייטען אין א לאַנד זיינען שטאַרק פערבונדען מיט דעם וואוילשטאַנד און דעם קולטור־צושטאַנד. דאָרטען, וואו די בעפעלקערונג איז אָרעם, ערנעהרט זיך שלעכט, לעבט ביי שלעכטע סאַניטאַרע און היגיענישע בעדינגונגען, זיינען קראַנקהייטען מעהר ענטוויקעלט. די נידריגע מדרגה פון קולטור, די אונוויסענהייט איז אויך מייסטענס א רעזולטאַט פון די שלעכטע בעדינגונגען, אין וועלכע א פאָלק געפינט זיך. ווען די בעפעלקערונג איז ניט אָרעם, איז זי מעהר ציוויליזירט, בענוצט זי זיך מעהר מיט דעם ראַט פון דאָקטוירים און האָט אין זיך ווייניגער קראַנקע.

דאָס געזאָגטע פּאַסט זיך אויך בנוגע דער שטערבליכקייט פון א געוויסען לאַנד.

ווייטער דאַרף מען זיך רעכענען מיט דער

ד) צאָהל מענשען, וועלכע ארבייטען סתם ניט, ניט ווייל זיי קענען ניט, נאָר ווייל זיי ווילען ניט, אָדער ווייל זיי דאַרפען ניט ארבייטען. אזוינע מענשען זיינען פאַראַן ניט ווייניג אין אונזערע צייטען. אויסער דעם וואָס זיי שטעקען אליין ניט אריין א פינגער אין קאַלטע וואַסער, פיהרען זיי א פּאַראַזיטישען לעבען און געניסען פון פרעמדער פּראַצע. ניט ווייניג איז דאָס צו פערדאַנקען דעם צושטאַנד, וואָס די געזעלשאַפט איז פונאַנדערגעטיילט אויף קלאַסען.

דער קלאסען־ שטאאט גיט פריווילעגיעס איין קלאס אויפ'ן חשבון פון צווייטען קלאס.

די מאס ארבייט הייננט אויך אפ

ה) **פון דער ארבייטסלאזיגקייט, סלעק און קריזיסען.** מענשען קענען זיין געזונד, פריש, ענערגיש און דאך קענען זיי ניט ארבייטען און פראדוצירען רייכקייט. די אורזאך דערפון ליגט ניט אין די ארבייטער אליין, נור אין די געזעלשאפטליכע בעדינגונגען, אין דער ארגאניזאציאן פון דער ווירטשאפט. אין דער היינטיגער געזעלשאפט איז ארבייטלאזיגקייט א געוועהנליכע ערשיינונג. אין יעדער אינדוסטריע איז א געוויסע צייט פון יאהר סלעק. די קריזיסען ווידער זיינען שוין אויך פון די איינגעפרעסענע קראנקהייטען אין אונזער פאלקס ארגאניזם.

אין די צייטען פון סלעק און קריזיסען געהט אין ניוועץ א גוואלדיגע קוואנטיטעט ארבייטס קראפט. די געזעלשאפט פערלירט זעהר א פולע צוליעב דער ארבייטסלאזיגקייט. די ארבייטסלאזע, ווען זיי וואלטען געפונען ארבייט, וואלטען געקענט שאפען זעהר פיעל רייכקייט פאר דער בעפעלקערונג. מיר מאכען דא ניט א חקירה ודרישה וועגען די אורזאכען, וועלכע בעשאפען די ארבייטסלאזיגקייט. דאס וועלען מיר טהאן שפעטער. דא ווילען מיר בלויז פעסטשטעלען דעם פאקט, אז ארבייטסלאזיגקייט פערקלענערט זעהר פיעל די קוואנטיטעט געזעלשאפטליך־נוצליכע ארבייט. אנשטאט דעם, וואס מען וואלט קענען ארבייטען 52 וואכען א יאהר, ארבייט מען איצט דורכשניטליך ניט מעהר ווי 35, 30, 25 וואכען איאהר. די ארבייטסלאזיגקייט ווירקט אויף דער ווירטשאפט פונקט אזוי ווי א קראנקהייט, וואס בעפאלט דעם ארבייטער 20—15 וואכען יעדען יאהר.

ביז איצט האבען מיר גערעדט פון דער מאס ארבייט, וואס ווערט אויסגעגעבען אין א געזעלשאפט. מיר האבען ערקלעהרט די בעדינגונגען, פון וועלכע די מאס ארבייט איז אבהענגיג. מיר האבען געזעהען, אז די קוואנטיטעט בכלל ווענדעט זיך 1) פון דער צאהל פראדוקטיווע ארבייטער און 2) פון דער ארבייטס־צייט, ווי פיעל יעדער פראדוקטיווער ארבייטער פערברענגט פאר פראדוקטיווע, געזעלשאפטליך־נוצליכע ארבייט. דערמיט איז נאך אבער די זאך ניט געענדיגט. צוויי ארבייטער קענען ארבייטען דיזעלבע צייט און דאך קען איין ארבייטער פערווענדען מעהר און דער צווייטער

קען פּערוועגדען ווייניגער ארבייטס ענערגיע. מען זאָגט דאָן, אז די איכות, די אייגענשאַפט פון דעם ערשטען ארבייטער איז אנדערש, ווי די איכות פון צווייטען ארבייטער.

די איכות פון דער ארבייט ווערט בעשטימט דורך ד ע ר א י נ ט ע נ ס י ו ו ק י י ט, דורך אָנגעשטרענגקייט פון דער ארבייט. אין אַ טאָג קען אַן ארבייטער ארויסגעבען פון זיך מעהר אָדער וועניגער ארבייטס-קראַפט; דאָס ווענדט זיך דערפון, אויף וויפיעל דער ארבייטער שטרענגט זיך אָן ביי דער ארבייט, ווי ווייט ער ארבייט אינטענסיוו. עס ארבייטען צ. ב. צוויי קוילען-גרעבער מיט גלייכער געצייג. איינער נעמט ארויס אין אַ טאָג אַ טאָן קוילען, דער אנדערער — צוויי טאָן. דער צווייטער גיט דאָ ארויס אין אַ טאָג צוויי מאָל אזוי פיעל ארבייטס-ענערגיע, ווי דער ערשטער, די ארבייט פון צווייטען איז דאָפּעלט-אינטענסיוו, ווי די ארבייט פון ערשטען.

די אינטענסיוואוקייט הייננט אָב פון פיעלע און פערשיעדענע בעדינגונגען. מאַנכע בעדינגונגען געפינען זיך אין דעם ארביי-טערס אייגענעם אָרגאַניזם. דאָס איז זיין ק ר אַ פ ט, ג ע-ז ו נ ד ק י י ט א ו ן ג ע ו ו א ו י נ ה י י ט צ ו ד ע ר א ר ב י י ט.

אַ צו לאַנגער ארבייטס-טאָג שוואַכט אָב דעם ארבייטער, שאַדעט זיין געזונד און פערקלענערט ממילא די אינטענסיוואוקייט פון דער ארבייט. אַלע צ. ב. ווייסען, אז אין דער ערשטער העלפט פון ארבייטס-טאָג געהט ארויס מעהר ארבייט ווי פון דער צווייטער העלפט. וואָס לענגער דער ארבייטס-טאָג ציהט זיך, אַלץ וועניגער אינטענסיוו איז די ארבייט. פאַר קיין אינדוסטריע לוינט ניט צו האָבען אַ צו-לאַנגען ארבייטסטאָג, אַ 12-שעה'דיגער ארבייטסטאָג גיט ארויס מעהר ארבייט, ווי אַ 14 שעה'דיגער. אַן 8-שעה'דיגער ארבייטסטאָג ביי די איצטיגע בעדינגונגען איז פּראָדוקטיווער ווי אַ צעהן שעה'דיגער. קיין אינדוסטריע, וואו עס איז איינגעפיהרט אַן 8 שעה'דיגער ארבייטס-טאָג, קען זיך ניט בעקלאָגען אויף קנאַפּ ארבייט.

די געוואוינהייט שפּיעלט אויך אַ ראָליע ביי דער ארבייט. וואָס מעהר אַן ארבייטער איז געוואוינט צו זיין ארבייט, אַלץ פּראָדוקטיווער, אינטענסיווער איז זיין ארבייט. די אינטענסיוו-קייט פון די ענגלישע ארבייטער ערקלעהרט זיך דערמיט, וואָס זיי זיינען פון דורות געוואוינט צו דער ארבייט. אנדערע בעדינ-

גונגען פאר דער אינטענסיווקייט פון דער ארבייט זיינען פערבונ־דען מיט דער פאָרם פון דער פּראָדוקציע, וואָס הערשט אין דער געזעלשאפט. אין אַ מאַשינען־פּראָדוקציע איז דער ארבייטער אונטערדריקט צו דער מאַשין, ער איז געצוואונגען איהר נאָכצו־האַלטען, ער קען ניט לאָזען געהן די מאַשין אליין און דעריבער קען מען אלס כלל בעהויפּטען, אַז מאַשינען פערגרעסערען די אינ־טענסיווקייט פון דער ארבייט.

די אינטענסיווקייט האָט אויך זעהר פיעל צו טהאָן מיט דעם, ווי די געזעלשאפט בעציהט זיך צום ארבייטער, מיט די געזעצען, וועלכע הערשען אין אָט דער הינזיכט.

געצוואונגענע ארבייט, די ארבייט פון מורא וועגען, ווען מען ארבייט, ווייל מען האָט מורא פאר'ן שטעקען, איז זעהר אַ שלעכ־טע אונפּרוכטבארע ארבייט. דער ארבייטער וויל דאַן ניט אר־בייטען מיט חשק, מיט זיין גאַנצער ענערגיע, אויף וועלכע ער איז פעהיג. אַזאַ ארבייט איז געווען ביי די שקלאַפען אין די אַלטע צייטען, אויך די ארבייט פון די פּויערים ניט לאַנג צוריק אין רוסלאַנד, איידער זיי זיינען פריי געוואָרען. עס איז פעסט־געשטעלט, אַז דורכשניטליך גיט דער שקלאַף ארויס פון זיך ווע־ניגער ווי אַ העלפט פון דער ענערגיע, וויפיעל ער וואָלט געקענט ארויסגעבען אָהן אַ שום היזק פאר זיין געזונד. עס איז שוין לאַנג בעקאַנט, אַז די שקלאַפען־הערערן פלעגען די געאיילטע אר־בייט אָבגעבען פרייע ארבייטער און פלעגען עס ניט אָנטרויען צו זייערע שקלאַפען.

לויט דער מיטטיילונג פונ'ם ענגלישען קאָנסול אין פערנאַמ־בוקאָ האָט די ארבייט פון שקלאַפען אויף אַ געוויסע צוקער פאַרם געקאָסט 4 מאָל טייערער ווי די ארבייט פון פרייע מענשען. ביי שקלאַפען האָט געקאָסט 4,521 פונט שטערלינג, ביי פרייער אר־בייט האָט די זעלבע פּראָדוקציאָן געקאָסט 1,080 פונט שטערלינג.

דערמיט ערקלעהרט זיך טיילוויז אויך דאָס, וואָס די אינ־דוסטריעלע שטאַאטען פון נאָרד אַמעריקאַ זיינען געשטאַנען פאר דער אָבשאַפונג פון שקלאַפעריי. די ענטוויקעלטע אינדוסטריע האָט זיך גענויטיגט אין פ ר י י ע ר, ניט פערשקלאַפטער אר־בייט. וואָס גרעבער און ווילדער עס זיינען די פאָרמען פון שקלאַ־פעריי, אַלס נידעריגער איז די אינטענסיווקייט פון דער שקלאַפען־ארבייט.

מאַכען מיר בקיצור דעם סך־הכל פון אַלעס, וואָס מיר האָבען

דאָ געזאָגט אין אונזער קאַפּיטעל וועגען אַרבייט, זעהען מיר, אַז די קוואַנטיטעט אַרבייט פון אַ געזעלשאַפט איז אבהענגיג

א) פון דער צאָהל פּ ר אָ ד ו ק ט י ו ו ע אַרבייטער,
ב) פון דער אַרבייט־צייט אין טאָג און יאָהר,
3) פון דער אינטענסיווקייט ביי דער ארבייט.

4טע לעקציע.

דאָס צוזאַמענאַרבייטען און די אַרבייטס-צוטיילונג

דאָס איינפאַכע און קוואַליפיצירטע צוזאַמען אַרבייטען; די נוצען פון חברותא'דיגער אַרבייט; די אַרבייטס צוטיילונג; די ענטשטעהונג פון אַרבייטס צוטיילונג; געזעלשאַפטליכע און טעכנישע אַרבייטס צוטיילונג; די אַרבייט־צוטיילונג צווישען שטאָדט און דאָרף; די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייטס צוטיילונג דורך די אויסגעבעסערטע פּער־קעהר־מיטלען; די בעדייטונג פון דער טעכנישער אַרבייט־צוטיילונג. די שלעכטע זייטען פון דער טעכנישער אַרבייט־צוטיילונג. די מיינונג פון גרויסע שריפטשטעלער איבער ד׳ר טעכנישער אַרבייט־צוטיילונג.

ווען מיר האָבען אין פאָריגען קאַפּיטעל בעטראַכט די קוואַנטיטעט אַרבייט און איהרע אייגענשאַפטען, האָבען מיר געהאַט אין זינען אַ געזעלשאַפט, וואָס בעשטעהט פון איינציגע אַרבייטער, וועלכע האָבען קיין שום שייכות ניט צווישען זיך, אַ געזעלשאַפט וואו יעדערער אַרבייט בעזונדער, און די אַרבייטער זיינען ניט פערבונדען צווישען זיך אין דער צייט פון זייער אַרבייט.

מיר ווייסען אָבער, אַז גלייך פון די ערשטע צייטען האָט שוין דער מענש ניט געאַרבייט ביחידות, אַז פון אייביג אָן האָט דער מענש ניט נור געלעבט מיט נאָך מענשען צוזאַמען, נאָר האָט אויך געאַרבייט בחברותא, צוזאַמען מיט אַנדערע, קאָאָפּעראַטיוו. מיר מוזען זיך דעריבער אָבשטעלען אויף די פערשיידענע פאָרמען פון צוזאַמענאַרבייטען און זייער איינפלוס אויף דער פאָלקס ווירטשאַפט.

אונטער קאָאָפּעראַציאָן, אָדער צוזאַמענאַרבייט פערשטעהען מיר אַ פעראייניגונג פון פערשיידענע מענשען און זייערע קרעפטען פאַר געוויסע ווירטשאַפטליכע צוועקען.

די צוועקען, **פאַר וואָס** מענשען אַרבייטען צוזאַמען, ווי אויך דער שטייגער, די אַרט און ווייזע **ווי אַזוי** מען אַרבייט צוזאַמען, קענען זיין פערשיידען און דעריבער האָ־

בען מיר אויך פערשיידענע פאָרמען פון צוזאַמענארבייט, וועלכע קענען בכלל איינגעטיילט ווערען אין צוויי הויפט־פאָרמען: 1) דאָס איינפאַכע צוזאַמענאַרבייטען און 2) דאָס קוואַליפיצירטע צוזאַמענ־אַרבייטען.

אונטער איינפאַכע צוזאַמענאַרבייט פערשטעהט מען אַזוינע סאָרטען אונטערנעהמונגען, וואו יעדער פון די אַרבייטער טהוט אין דערזעלבער צייט דיזעלבע אַרבייט, ווי דער צווייטער. די בעדייטונג פון אַזאַ צוזאַמענאַרבייטען פאַר דער פּראָדוקציאָן בע־שטעהט, ערשטענס, אין דעם, וואָס זי מונטערט אויף די אַר־בייטער, זי בעשאַפט אַן ענערגישע אַרבייטס־לוסטיגע שטימונג. ווען אַ סך מענשען אַרבייטען צוזאַמען פיהלט זיך יעדערער מוטהי־גער, קרעפטיגער און די אַרבייט איז ממילא אינטענסיווער און פּרוכטבאַרער. נעהמט די אַרבייט פון צוואַנציג מענשען, ווען זיי אַרבייטען בעזונדער, אין בעזונדערע צימערען און די אַרבייט פון דיזעלביגע צוואַנציג מענשען, ווען זיי אַרבייטען אין איין צימער, בחברותא, אין קאָמפּאַניע, און איהר וועט זעהן ווי גרויס עס איז דער אונטערשייד און די רעזולטאַטען. אין אַ קאָמפּאַניע איז יעדער אויפגעלייגט און אַרבייט גאַר מיט אַן אַנדער חשק, ווי ווען ער אַרבייט אַליין.

צווייטענס, געהט ביים צוזאַמענאַרבייטען אַוועק ווענינער הוצאות. איין גרויסער צימער פאַר צוואַנציג מענשען איז אַ סך ביליגער ווי 20 קליינע צימערען פאַר יעדען בעזונדער אַרבייטער. אויסערדעם קאָסט ווענינער בעלייכטונג, בעהייצונג און אַלע אַנ־דערע מעבעל. ביים צוזאַמענאַרבייטען געהט אַוועק אַ סך ווע־ניגער רויה־מאַטעריאַל. 20 שניידער אין 20 בעזונדערע וואַר־שטאַטען וועלען פערווענדען מעהר טוך פאַר אַ געוויסע צאָהל קליידער, ווי 20 שניידערס אין איין צימער, וועלכע אַרבייטען אין דער זעלבער צייט. דער יתור, די איבעריגע שטיקלעך וועלכע בליי־בען פון שניידען, געהען אין ניוועץ ביי איינצעלנע שניידערס, בעת זיי קענען ווערען פערברויכט דאָ, ווען מען אַרבייט צוזאַמען.

דריטענס, קען מען דורך איינפאַכען צוזאַמענאַרבייטען ענדי־גען אַ געוויסע אַרבייט אין אַ קורצער צייט און דאָס איז טייל מאָל זעהר וויכטיג. אין שניט צייט, ווען מען מוז די תבואה אַרונטער־נעהמען פון פעלד אין איינינע טעג, איז נויטווענדיג, אַז אַ סך אַרבייטער זאָלען אַרבייטען צוזאַמען אין איין צייט. עס איז אין

אזא פאל וויכטיגער, אז צוואנציג ארבייטער זאלען ארבייטען למשל דריי טעג, איידער איין ארבייטער 60 טעג.

פערטענס, זיינען פאראן אזוינע פאלען, ווען דאס איינפאכע קאאפעראטיווע צוזאמענארבייטען שפארט איין א סך צייט. דאס איז דארטען, וואו צווישען דעם אנפאנג און דעם ענד פון דער ארבייט איז פאראן א געוויסער מהלך. ביים בויען א מויער שטעהט א שורה מענשען צווישען דעם פלאץ, וואו עס ליגען די ציגעל ביז דעם מויערער. יעדער ציגעל געהט דורך די הענד פון דער גאנצער שורה. דער ערשטער דערלאנגט דעם צווייטען, דער צווייטער — דעם דריטען א. א. וו. ביז דער ציגעל קומט צום לעצ־טען, וועלכער לייגט עס אוועק אויף זיין בעשטימטען פלאץ. דורך אזא שטייגער איז די ארבייט פיעל גיכער, ווי ווען איין מענש וואלט דארפען אליין שלעפען די ציגעל פון זייער פלאץ און זיי אריינמויערען.

פינפטענס, דאס צוזאמענארבייטען גיט די מעגליכקייט, אז די ערפאהרונגען, וואס איינער מאכט ביי דער ארבייט, זאלען אויך נוצען די אנדערע. ווען מען איז צוזאמען, לערנט איינער פון צווייטען, איינער נעמט איבער די מעטאדען פון צווייטען און אויף אזא אופן ענטוויקעלט זיך דאס וויסען.

זעקסטענס, איז דאס איינפאכע צוזאמענארבייטען אונפער־מיידליך דארטען, ווען דער כח פון איין מענשען איז ניט ביכולת צו טהאן די ארבייט. איין מענש, א שטייגער, איז ניט בכח אויפ־צוהויבען א גרויסען שטיין, אדער ארויסשלעפען א גרויסע נעץ פון וואסער. יא, ווען עס זאלען אפילו ארבייטען דערביי 20 מענ־שען איינער נאך דעם אנדערען, וועט אויך די ארבייט ניט גע־טאן ווערען. דא פאדערט זיך דער כח פון א סך מענשען מיט אמאל און נאר דורך א קאאפעראציע, דורך א פעראייניגונג פון ארבייטער, דורך א צוזאמענארבייטען איז מעגליך אזא סארט אר־בייט דורכצופיהרען.

אונטער א קוואליפיצירטע צוזאמענארבייטען פערשטעהען מיר די ארבייט־צוטיילונג, אזוינע סארטען אונטערנעהמונגען, וואו יע־דער ארבייטער ארבייט נאר אויס איין זאך פאר דעם פראדוקט אדער א טייל פון דעם פראדוקט און דער פראדוקט גופא ווערט צוזאמענגעשטעלט פון אלעמענס ארבייט צוזאמען. אמבעסטען צו זעהן איז דאס אין א ווארשטאט, וואו מען ארבייט אויס זיי־גערס. איין ארבייטער מאכט די שרייפלעך, דער צווייטער מאכט

די פּרוזשינגעס, דער דריטער פּיילט די רעדלעך פאַר'ן מעכאַניזם, דער פינפטער מאַכט די ווייזערלעך, דער זעקסטער פּאָלירט און דער זיבעטער נעהמט די אַלע זאַכען צוזאַמען און שטעלט צונויף דעם גאַנצען מעכאַניזם. דער זייגער איז דאָ אַלזאָ דער רעזולטאַט פון אַ צוזאַמענאַרבייטען, וואו יעדערער האָט ניט געטאָן די זעלביגע אַרבייט. דער זייגער איז אַ צוזאַמענגעזעצטער פּראָדוקט. ער איז אויפגעבויט פון אַ סך בעזונדערע זאַכען. יעדע זאַך איז געטהאָן געוואָרען דורך אַ בעזונדערען מענש.

ביי דעם איינפאַכען צוזאַמענאַרבייטען דאַרפען אַלע אַרביי־טער פערווענדען די גלייכע מאָס אַרבייטס־ענערגיע אין איין און דערזעלבער צייט. אַלע דאַרפען אַרבייטען מיט דיזעלביגע מוס־קולען, מיט דיזעלביגע נערווען און געוועהנליך אויך מיט דער־זעלבער אָנשטרענגונג. ביי דער אַרבייטס־צוטיילונג דאַרפען ניט אַלע אַרבייטער אַרבייטען מיט דעם זעלבען כח און מיט דערזעלבער אָנשטרענגונג. אויך ניט אַלע זיינען מחויב צו אַרבייטען אין דער־זעלבער צייט. יעדערער קען זיך טהאָן זיין אַרבייט בעזונדער. ער קען אָנהויבען פריהער און ענדיגען שפּעטער. ער איז ניט אַזוי פערבונדען מיט זיינע איבעריגע חברים, וועלכע אַרבייטען מיט איהם צוזאַמען. די צושניידער (קאַטערס), למשל, דאַרפען ניט דוקא אַרבייטען אַזויפיעל און אין דערזעלבער צייט, ווי די שטעפּער (אָפּערייטאָרס). די לעצטע ניט ווי די פּעטעלקע־מאַכער (באָטאָנהאָל מייקער) א. א. וו., א. א. וו.

אין אַ געוויסען גראַד געפינען מיר די אַרבייטס־צוטיילונג שוין אין די גאַנץ אַלטע, אור־אַלטע צייטען. דאָס ערקלעהרט זיך טאַקי דערמיט, וואָס ניט אַלע האָבען דעם זעלבען און דיזעלבע מעגליכ־קייט צו טהאָן דיזעלבע אַרבייט. די פרויען קענען ניט אימער טהאָן דאָסזעלבע וואָס די מענער, און די אַלטע און די קינדער ניט דאָסזעלבע, וואָס די יונגע און דערוואַקסענע.

די פרויען צ. ב. האָבען ניט געקענט שטענדיג אַרומוואַנדערען ווי די מענער. אַלס מוטערס פון קינדער זיינען זיי געוויסע צייטען פון זייער לעבען (ביים טראָגען און האָבען) געווען צוגע־בונדען צו איין אָרט. אָט די אומשטענדען זיינען אויך געווען די אורזאַכען, וואָס די פרויען אין די גאַנץ אַלטע צייטען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט לאַנדווירטשאַפט און די מענער מיט יאַגד. זייענדיג צוגעבונדען צום אָרט האָבען די פרויען מעהר געקענט אויפפּאַסען אויף די פערזעעטע תבואות ווי די מענער, וועלכע האָ־

בען אַרומגעוואַנדערט אין די וועלדער טאָג און נאַכט כדי צו פאַנ־
גען חיות.

די גרעסטע ענטוויקלונג האָט די אַרבייטס־צוטיילונג עררייכט
אין די לעצטע צייטען נאָכדעם, ווי דער פערקעהר, די וועגען זיינען
אויסגעבעסערט געוואָרען און נאָכדעם, ווי די טעכניק, די איינפיהר־
רונג פון דאַמפף־און עלעקטרישע מאַשינען האָט געמאַכט אַ גאַנצע
איבערקעהרעניש אין דעם אינדוסטריעלען לעבען. איצט איז די
אַרבייטס־צוטיילונג דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער ווירטשאַפט.
מיר וועלען קוים געפינען אַ צווייג פון אונזער ווירטשאַפטליכען
לעבען, וואו עס זאָל ניט זיין איינגעפיהרט אַן אַרבייט־צוטיילונג.

עס איז פאַראַן צוויערליי אַרבייט־צוטיילונג:

1) די געזעלשאַפטליכע אַרבייט־צוטיילונג.

2) די טעכנישע אַרבייט־צוטיילונג.

די געזעלשאַפטליכע אַרבייט־צוטיילונג בעשטעהט אין דעם,
וואָס די פערשיידענע זאַכען, וועלכע ווערען פּראָדוצירט פאַר'ן
בעדאַרף, ווערען פּראָדוצירט ניט פון איינע און דיזעלבע מענשען,
נור פון פערשיידענע מענשען, יאָ, זאָגאַר, פון פערשיידענע גרופּען
מענשען. איין גרופּע בעשעפטיגט זיך מיט אַקערבוי און פּראָדו־
צירט קאָרן, ווייץ, גערסטען פאַר דער געזעלשאַפט; אַ צווייטע
גרופּע בעשעפטיגט זיך, למשל, מיט נעהען קליידער, שטיוועל;
אַ דריטע גראָבט אויס און בעאַרבייט די מעטאַלען; אַ פערטע
פּראָדוצירט אַן אַנדער זאַך א. א. וו.

דאָרטען, וואו עס איז ניטאָ אַזאַ אַרבייט־צוטיילונג, מוז יעדע
גרופּע מענשען שאַפען פאַר זיך אַלץ, וואָס איהר איז נויטיג. זי
מוז אי בעאַרבייטען די ערד, אי נעהען קליידער, אי מאַכען מעבעל,
אי זיך בויען הייזער א. א. וו. עס פערשטעהט זיך, אַז ביי
אַזאַ מין אַרבייטען קען מען ווייניג וואָס שאַפען. דאָ איז דאָ אַ
סך מלאכות און ווייניג ברכות. ביי דער געזעלשאַפטליכער אַר־
בייט־צוטיילונג בעשעפטיגט זיך יעדע גרופּע בלויז מיט אַ געוויי־
סען חלק פון דער פּראָדוקציע. די אַרבייט איז דאַן פרוכטבאַרער
און נוצליכער.

ווי מיר האָבען דאָ געזעהען איז שוין אַ געזעלשאַפטליכע
אַרבייט־צוטיילונג געווען אין די אַלטע צייטען אַ דאַנק די פיזי־
אָלאָגישע איינענשאַפטען פון די פרויען, וועלכע האָבען ניט גע־
קענט טהאָן אימער דיזעלבע אַרבייט ווי די מענער. שפּעטער
האָט זיך די געזעלשאַפטליכע אַרבייט־צוטיילונג איינפאַך אַרויס־

געוויזען עקאָנאָמישער. ווען די גרופּע מענשען, וועלכע האָט גע־לעבט צוזאַמען איז געוואַקסען, האָבען זיך אין דער גרופּע אָנגע־פאַנגען צו ספּעציאַליזירען פערשיידענע בעלי מלאכות: שמידען, סטאָליאַרעס, שניידער, שוסטער א. א. וו. שפּעטער, ווען פער־שיידענע שבטים האָבען אָנגעפאַנגען אויסצובייטען זייערע פּראָ־דוקטען, איז די געזעלשאַפטליכע ארבייטס־צוטיילונג געגאַנגען נאָך ווייטער. ווען א געוויסער שבט האָט געזעהן, אַז זיין לאַנד איז בעסער פאר פיהצוכט, האָט ער זיך ספּעציעל אָבגעגעבען דערמיט און האָט מיט אַקערבוי זיך ניט בעשעפטיגט. ער האָט בעסער שפּעטער אויסגעביטען בהמות אויף תבואות. דאָסזעלבע האָבען געטהאָן די שבטים, ביי וועמען די אויסערליכע סביבה איז געווען גינסטיגער פאר געוויסע מלאכות און פאר פארמעריי. די יעניגע שבטים, וועלכע האָבען געוואוינט ביי די טייכען, האָבען זיך ספּע־ציעל בעשעפטיגט מיט'ן פיש־פאַנג. די איבעריגע נויטיגע פּראָ־דוקטען האָבען זיי געקראָגען פאר די פיש, וואָס זיי האָבען פער־קויפט.

יעדער אָרט האָט זיך זיינע ספּעציעלע בעדינגונגען און די בעפעלקערונג האָט זיך בעשעפטיגט מיט אַזוינע סאָרטען ארבייט, וועלכע זיינען געווען אין הסכם מיט די אָרטיגע בעדינגונגען און שפּעטער האָט מען די פּראָדוקטען צווישען זיך אויסגעביטען. צווישען שטאָדט און דאָרף איז אימער געווען א געזעלשאַפטליכע ארבייט־צוטיילונג. די שטאָדט האָט אין זיך קאָנצענטרירט דעם האַנדעל און די מלאכה, בעת דאָס דאָרף האָט זיך אָבגעגעבען צו פּראָדוצירען די נויטווענדיגסטע לעבענס־מיטלען: ברויט, פלייש, מילך און אַנדערע עהנליכע פּראָדוקטען. וואָס מעהר דער פער־קעהר האָט זיך ענטוויקעלט, וואָס מעהר מענשען פון פערשיי־דענע געגענדען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו בעגעגענען, אַלס מעהר האָט זיך יעדער אָרט אָבגעגעבען מיט ספּעציעלע חלקים פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע און אַלס מעהר האָט זיך ענטוויקעלט די ארבייט־צוטיילונג.

ביי דעם איצטיגען צושטאַנד פון די פערקעהר־מיטלען; ביי די איצטיגע ענטוויקעלטע שיפען און אייזענבאַהנען קומט פאָר אַן ארבייט־צוטיילונג ניט נאָר צווישען פערשיידענע ערטער פון איין שטאַאט, נאָר צווישען פערשיידענע שטאַאטען. איין שטאַט פּראָדוצירט סחורות פאר אַן אַנדער שטאַט און יענער שטאַט פאר דעם ערשטען.

ביי אַ געזעלשאַפטליכע אַרבייט־צוטיילונג שאַפט יעדע גרו־פּע, יעדער שבט, יעדער דיסטריקט, אָדער יעדער שטאַט גאַנצע, פאַרטיגע פּראָדוקטען און אָט די פאַרטיגע פּראָדוקטען ווערען שפּע־טער צווישען זיך אויסגעטוישט דורך׳ן פערקויף און איינקויף. די, וועלכע בעטייליגען זיך אין דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט־צוטיילונג, זיינען פרייע מענשען, אַלע זיינען גלייכבערעכטיגט צווישען זיך. דער טויש מיט די פּראָדוקטען קומט פאַר אויף פרייע יסודות. קיינער נויט ניט און קיינער צווינגט ניט. אויסער דעם ווערט די געזעלשאַפטליכע אַרבייט־צוטיילונג ניט רעגולירט דורך אַ געוויסען ווילען, דורך אַ געוויסען אָרגאַניזאַטאָר, נור דורך געווי־סע געזעצען פון מאַרק. ווען אַרגענטיניען, צום ביישפּיעל, פּראָ־דוצירט תבואה פאַר דייטשלאַנד, און דייטשלאַנד פּראָדוצירט מאַ־שינען פאַר רוסלאַנד, טאָ איז דאָס ניט דערפאַר, ווייל אימיצער אָרגאַניזירט דאָס, נור דאָס איז דערפאַר, ווייל די בעדינגונגען פון׳ם אינטערנאַציאָנאַלען, אַלוועלטליכען מאַרק, ווי די ספּעציעלע נאַטור־בעדינגונגען, פאָדערען אַז אַזוי זאָל זיין. ביי דער טעכ־נישער אַרבייט־צוטיילונג איז דאָס ניט אַזוי, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער.

די טעכנישע אַרבייט־צוטיילונג בעשטעהט דערין, וואָס די זאַכען גופא ווערען פּראָדוצירט פון פערשיידענע מענשען. יעדער איינער אַרבייט נור אויס אַ טייל פון דער זאַך, טהוט נאָר אַ טייל פון דעם פּראָדוקט. אין איין און דערזעלבער אונטערנעהמונג אַרבייטען די אַרבייטער אויס בלויז פערשיידענע חלקים פון דער זאַך. דעם ביישפּיעל, וואָס מיר האָבען אויבען געבראַכט פון דער זייגער אינדוסטריע, איז אַ גוטע אילוסטראַציע פאַר דער אַרבייט־צוטיילונג. די אַרבייט־צו־טיילונג געהט אָבער נאָך ווייטער. ביי די זייגערס טהוט לכל הפּחות יעדערער אַ גאַנצע אַרבייט, ער אַרבייט אויס אַ גאַנצען חלק פון דעם פּראָדוקט. אין די איצטיגע גרויס ענטוויקעלטע אינ־דוסטריען ווערט אפילו יעדער חלק אויך אויסגעאַרבייט פון פער־שיידענע מענשען. די יעניגע, וועלכע האָבען בעזוכט די שיך־אינדוסטריען פון מאַסאַטשוזעטס (אַמעריקא), די סטאָק־יאַרדס פון שיקאַגאָ, די אייזען פאַבריקען פון פּיטסבורג, וועלען ערשט קענען האָבען אַ בעגריף, ווי ווייט די אַרבייט איז צוטיילט צווישען פער־שייעדענע מענשען. יעדער איינציגער טהוט אַ הונדערטעל אין אפשר נאָך אַ קלענערען חלק פון דעם פּראָדוקט.

די בעדייטונג פון דער טעכנישער ארבייט־צוטיילונג בע־שטעהט:

1) אין דעם, וואָס זי ענטוויקעלט מעהר געשיקטקייט צו א געוויסען סאָרט ארבייט. דער וואָס טהוט שטענדיג פערשיי־דענע סאָרטען ארבייט, קען ניט מאכען אזוי געשווינד און אזוי געשיקט, ווי דער וועלכער טהוט זיין גאנצען לעבען נאָר איין סאָרט ארבייט.

2) ביי דער טעכנישער ארבייט־צוטיילונג געהט אוועק וועניגער צייט אויף דעם איבערגאנג פון איין ארבייט צו דער צווייטער. ווען א זייגער מאכער וואָלט מאכען אלע טיילען פון זייגער, וואָלט איהם אוועקגעהן צייט איידער ער לעגט אוועק, א שטייגער, די ארבייט פון די רעדלעך און ביז וואנעט ער נעמט זיך פאר די ווייזערס. עס דויערט צייט דאָס בייטען פון די אינסטרומענטען. ווען די רעדלעך ווערען געמאכט פון איינעם און די ווייזערס פון אנאנדערען ווערט די צייט איינגעשפּאָרט.

3) די טעכנישע ארבייט־צוטיילונג גיט די מעגליכקייט צו פערפאָלקאָמען און צו ספּעציאליזירען די אינסטרומענטען. א שוסטער, ווען ער ארבייט אויס א גאנצען שוך, קען נאָר האָבען איינעם אָדער צוויי האמערס פאר זיין ארבייט. מיט איין האמער טהוט ער פערשיידענע ארבייטען. אין א גרויסע שוך פאבריק זיינען פאראן אפשר 50 האמערס פאר יעדער שוך. פאר יעדער ספּעציעלער ארבייט, א ספּעציעלער אינסטרומענט. דאָס מאכט, זעלבסטפערשטענדליך, די ארבייט פּראָדוקטיווער און פאָלקאָמענער. מארקס בריינגט פאָלגענדען פאקט: אין ד 60־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט מען אין א פאבריק אין בירמינגהעם אויסגעארבייט איבער 500 פערשיידענע האמערס. איצט איז די פערפאָלקאָמונג פון די אינסטרומענטען געגאנגען, זעלבסטפערשטענדליך, נאָך ווייטער.

4) די טעכנישע ארבייט־צוטיילונג מאכט לייכטער די אויסבעסערונג פון די געצייג. ווען איין מענש ארבייט יאָהרען לאנג מיט איין אינסטרומענט פאסט ער איהם אלס בעסער צו צו דער ארבייט. און פאקטיש זעהען מיר טאקע, אז פיעלע ערפינדונגען און אויסבעסערונגען פון די אינסטרומענטען זיינען ענטדעקט געוואָרען פון פשוט׳ע ארבייטער.

5) די טעכנישע ארבייט־צוטיילונג מאכט די ארבייט איינפאכער, פּראָסטער און עס דאַרף ניט אוועקגעהן פיעל צייט אויפ׳ן

לערנען זיך די אַרבייט. אין די אָבגעשטאַנענע לענדער, וואו די אַרבייט איז ניט צוטיילט און דער אַרבייטער דאַרף מאַכען דעם גאַנצען פּראָדוקט, מוז מען זיין אַ גאַנצער בעל מלאכה. מען מוז זיך אַ סך לערנען, און ניט אַלע זיינען פעהיג דערצו. אין אַמע־ריקאַ, וואו די אַרבייט איז זעהר צוטיילט, דאַרף מען זיך ניט פיעל לערנען אום אַנצוקומען אין אַ פאַבריק. אַלע ווייסען, אַז אום צו ווערען דאָ אַ שניידער דאַרף מען ניט זיין אַזאַ גרויסער למדן אין שניידעריי. מען לערנט זיך אויס איין טייל אַרבייט, ווי צו שניידען, פּרעסען, פעטעלקעס נעהען און מען קען שוין ווערען זאָגאַר אַ מיטגליעד פון דער מאַנטעל־מאַכער (קלאָוק־מאַכער) יוניאָן.

6) די טעכנישע אַרבייט־צוטיילונג מאַכט מעגליך קינדער און פרויען אַרבייט. די אַרבייט איז אַזוי פּשוט, אַז יעדעס קינד, יעדער אַלטער מאַן און יעדע פרוי קען געפינען אַ בעשעפטיגונג פאַר זיך. די קינדער־און פרויען־אַרבייט איז טאַקי אַ רעזולטאַט פון דער אַרבייט־צוטיילונג. דאָרטען, וואו עס הערשט מלאכה, איז אונמעגליך אַז אַזויפיעל קינדער און פרויען זאָלען קענען נעה־מען אַן אַנטייל אין דער פּראָדוקציע.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז יעדע אַרבייט־צוטיילונג האָט אויך אַלע מעלות פון דעם איינפאַכען צוזאַמענאַרבייטען.

איצט וועט אונז שוין ווערען קלאָרער דער אונטערשייד צווי־שען דער געזעלשאַפטליכער און טעכנישער אַרבייט־צוטיילונג.

ביי דער טעכנישער אַרבייט־צוטיילונג איז דער אַרבייטער ניט פריי, ווי ביי דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט־צוטיילונג. דאָ איז דער אַרבייטער מחויב זיך אונטערצואוואַרפען דעם ווילען, דעם פערלאַנג פון אַ מענש, וועמען ער קען קיין דעה ניט זאָגען. דיזער זייטיגער מענש, דער אונטערנעהמער אָדער זיינע משרתים, בע־שאַפט די תקנות און ער, דער אַרבייטער, איז מחויב זיי צו פאָל־גען. די לאַגע פון'ם אַרבייטער, וועלכער פערקויפט די אַרבייטס־קראַפט, איז ווייט ניט גלייך צו דער לאַגע פון'ם אונטערנעהמער, וועלכער קויפט די אַרבייטס קראַפט. מיר האָבען דאָ בכן צו טהאָן מיט מענשען, וואו איינע זיינען שטאַרקער און די אַנדערע שוואַכער אין עקאָנאָמישען זין. ביי דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט־צוטיילונג זיינען אַלע אַנטיילנעהמער עקאָנאָמיש גלייך.

אויסער דעם ווערט די טעכנישע אַרבייט־צוטיילונג אָרגאַני־זירט פון אַ מענש, פון'ם אונטערנעהמער, בעת די געזעלשאַפטליכע אַרבייט־צוטיילונג ווערט רעגולירט, ווי שוין אויבען געזאָגט, דורך

די בלינדע, אונבעוואוסטע געזעצען פון מארק, דורך די געזעצען פון אָנגעבאָט און נאָכפראַגע.

מיר האָבען דאָ גערעדט פון דער בעדייטונג, וואָס די טעכנישע ארבייט־צוטיילונג האָט פאר דער פּראָדוקציע. איז זי אָבער אלע מאָל א מזל ברכה פאר די מענשען? פאר׳ן גאַנצען פאָלק? גע־ווים ניט!

שוין דער פאַקט, וואָס די טעכנישע ארבייט־צוטיילונג האָט געמאַכט מעגליך קינדער און פרויען ארבייט, וואָס איז געווים אַן אונגליק פאר׳ן ארבייטער קלאַס און ממילא פאר דער גאַנצער נאַציע, בעווייזט, אַז די ארבייט־צוטיילונג איז א שטעקען מיט צוויי עקען. אַז אויסער דעם נוצען ברענגט זי ניט וועניג שאָדען דער געזעלשאפט.

פרויען און קינדער ארבייט, אויסער דעם, וואָס זי ווירקט פ י ז י ש זעהר שלעכט אויף דער געזעלשאפט, פערגרעסערט זי די צאָהל ארבייטער אויפ׳ן מארק. דער אָנבאָט פון ארבייט־קראפט ווערט שטארקער. די קאָנקורענץ צווישען די ארבייטער ווערט גרעסער און די שכירות ווערען ממילא קלענער.

די טעכנישע ארבייט־צוטיילונג ווירקט דירעקט זעהר שלעכט פיזיש און גייסטיג אויף די ארבייטער גופא.

ווען דער ארבייטער ארבייט אייביג מיט דיזעלביגע מוסקולען, מיט דיזעלביגע נערווען; ווען די ארבייט־קראפט ווערט ניט אויס־געלאָזען פון גאַנצען קערפער רעגעלמעסיג, נאָר פון אייניגע אָרגאַנען צופיעל און פון אנדערע צו־וועניג, דאַן ווערט דער אר־בייטער א קריפעל. די ענטוויקלונג פון זיין קערפער געהט ניט רעגעלמעסיג. אייניגע אָרגאַנען ווערען צופיעל איבערגעארבייט, בעת די אַנדערע ווערען אָבגעשוואַכט, ווייל זיי ווערען גאָר ניט בענוצט. אין די אינדוסטריען, וואו די ארבייט איז זעהר שטארק צוטיילט, געפינען מיר דעריבער א גוואַלדיג גרויסע צאָהל קראַנ־קע, שוואַכע, ניט פּראָפּאָרציאָנעל ענטוויקעלטע מענשען.

נאָך מעהר ווי פיזיש ליידט דער ארבייטער גייסטיג פון דער טעכנישער ארבייט־צוטיילונג. ארבייטענדיג אימער מיט דעם זעלבען אינסטרומענט, ווערט ער אליין פערוואַנדעלט אין א ווערק־צייג, וואָס הערט אויף צו דענקען און צו טראַכטען. ווען ער דאַרף אייביג טאָן איין ארבייט, הערט ער אויף צו ארבייטען מיט׳ן שכל; ער ווערט פשוט א ווערקצייג, וואָס מאַכט געוויסע מ ע כ אַ־נ י ש ע בעוועגונגען.

ווען דער אַרבייטער דאַרף מאַכען אַ גאַנצע זאַך, אַרבייט ער דאַן מיט אַלע אברים, מיט אַלע אָרגאַנען מעהר אָדער ווייניגער גלייך; איהם קומט דאַן אויס מעהר צו טראַכטען, מעהר צו אַר־בייטען מיט'ן מח און זיין גאַנצע קערפּערליכע און גייסטיגע ענט־וויקלונג געהט נאָרמאַלער, רעגעלמעסיגער. דערמיט ערקלעהרט זיך טיילוויז, וואָס די בעלי מלאכות פון די קליינע שטעדטלעך זיינען געזינדער און גייסטיג פעהיגער, ווי די אַרבייטער פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען, וואו די טעכנישע אַרבייט־צוטיילונג האָט דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון ענטוויקלונג

פיעלע גרויסע שריפטשטעלער, פּובליציסטען און סאָציאָלאָ־גען זיינען דעריבער שטאַרק אַרויסגעטראָטען קעגען דער אָנקומענ־דער אינדוסטריע, וואָס ברענגט מיט זיך די טעכנישע אַרבייט־צוטיילונג. ניט קיין קלענערע ווי לעוו טאָלסטאָי, מיכאַילאָווסקי, גליעב־אוספּענסקי און אַנד. האָבען אָנגעוויזען אויף די שעדליכע ווירקונג, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג האָט אויף דער געזעלשאַפט מיט איהר טבע צו ספּעציאַליזירען מענשען צו אַן איינ־זייטיגער אַרבייט.

אָבער וואָס זאָל מען טהאָן? זאָל מען זיך צוריקקעהרען צו די אַלטע צייטען, ווען די מאַשין האָט נאָך ניט רעגירט אין אונ־זער לעבען? מאַנכע ענטפערען: „יאָ“.

מיר האָבען ניט אַזאַ מיינונג. אויסער דעם, וואָס עס איז בכלל אונמעגליך מיר זאָלען פערניכטען אַלע אונזערע טעכנישע פּערבעסערונגען, איז עס אויך ניט ווינשענסווערטה.

די ענטוויקלונג פון דער טעכניק, און טאַקע אויך די אַרבייט־צוטיילונג, ברענגט בכלל אַ גרויסען נוצען דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע גיט אויס דורך דעם פיעל ווייניגער אַרבייט־קראַפט. די גאַנצע צרה איז נאָר, וואָס דעם נוצען פון דער ענטוויקעלטער טעכניק קריגט בלויז איין טייל פון אונזער געזעלשאַפט. אין דער צוקונפט, ווען עס וועלען ניט זיין קיין ליידיגגעהער, ווען אַ ל ע וועלען דאַרפען אַרבייטען און אַלע וועלען קענען געניסען, וועט די טעכנישע אַרבייט־צוטיילונג ניט ווירקען שלעכט. די מענשען וועלען דאַן דאַרפען אַרבייטען אַ קליינע צאָהל שטונדען און די איבעריגע צייט וועלען זיי קענען אויסנוצען פאַר זייער פולער קערפּערליכער און גייסטיגער ענט־וויקלונג.

ניט צו דער אַלטער אָבגעלעבטער צייט, ווען קיין אַרבייט־

צוטיילונג איז נאָך ניט געווען, דארפען מיר שטרעבען, נאָר צו דער נייער צוקונפט, ווען די ארבייט־צוטיילונג ווי די גאנצע ענט־וויקעלטע טעכניק וועט נוצען ניט איין קלאַס, ניט איין טייל פון דער געזעלשאפט, נאָר דער גאנצער געזעלשאפט.

פינפטע לעקציע

ג) קאפיטאל

בעגריף וועגען קאַפּיטאַל ; די בעשטימונג פון קאַפּיטאַל ביי די עקאָנאָמיסטען און ביי קאַרל מאַרקס ; געלד אַלס דער טיפּישער פערטרעטער פון קאַפּיטאַל אין היינטיגע צייטען ; שטענדיג קאַפּיטאַל און פערענדערליך קאַפּיטאַל ; די ענטשטעהונג פון קאַפּיטאַל ; קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציען ; די ראָליע פון קאַפּיטאַל אין דער געשיכטע.

אויבען האָבען מיר שוין בעמערקט, אַז די מענשליכע ארבייט קען ווייניג וואָס אויפטהאָן אָהן אינסטרומענטען און געצייג. מיט הוילע הענד קען מען גאַנץ ווייניג בעקומען פון דער ניט נאָכגעביגער נאַטור. שוין אין די גאָר אַלטע צייטען האָט דער מענש בענוצט אין זיין קאַמפּף פאַר'ן לעבען געוויסע כלי זיין, געצייג. איינע פון די הויפּט אורזאַכען, דורך וועלכע דער אור־אַלטער מענש האָט זיך אויסגעצייכענט פון זיינע טיערישע קרובים, איז געווען די אָנווענדונג פון ק י נ ס ט ל י כ ע געצייג, אנשטאָט קערפערליכע, אין זיין קאַמפּף מיט דער נאַטור.

וואָס ווייטער אַלס מעהר האָבען זיך ענטוויקעלט די קינסטליכע געצייג, די אינסטרומענטען, אַ דאַנק וועלכע די אַרבייט פון מענשען איז געוואָרען פּרוכטבאַר. דער אַמאָליגער ווילדער יעגער וואָלט פאַר קיין פאַל ניט געקענט בעקומען אַ חיה, ווען ער וואָלט ניט געהאַט אַ פייל און בויגען. דער פישער האָט געמוזט האָבען אַן אַנגעל. און אַז אין היינטיגע צייטען ווערט די גאַנצע פּראָדוקציע געפיהרט דורך מאַשינען און אַנדערע אינסטרומענטען — איז איבעריג צו ריידען.

אויסער די אינסטרומענטען, געצייג און מאַשינען, מיט וועלכע מען אַרבייט, מוז אויך זיין ו ו אָ ס צו בעאַרבייטען. עס מוז זיין רויהע מאַטעריאַל ,פון וואָס מען זאָל קענען אויסאַרבייטען פּראָדוקטען פאַר'ן געברויך. מען מוז, אויך האָבען געביידען, פאַבריקען, סקלאַדען, וואו צו אַרבייטען און וואו צו האַלטען די סחורות. און ואחרי ככלות הכל איז טאַקי אויך נויטיג געלד, פשוט'ע מזומנים אין יעדער אונטערנעהמונג. אָט די דאָזיגע פּראָדוקציאָן־מיטלען ווערען ביי די עקאָנאָמיסטען אָנגערופען מיט'ן אַלגעמיינעם נאָמען : „קאַפּיטאַל".

דאָס קאַפּיטאַל איז ניט געגעבען געוואָרען פאַרטיג פון דער

נאַטור. עס איז בעשאַפען געוואָרען דורך מענשליכע ארבייט. געלד, אינסטרומענטען, געביידעס, מאַשינען — זיינען ניט אַנ־דערש ווי פערגליווערטער כח, פערגליווערטע ארבייט־קראַפט און עס איז דעריבער זעלבסטפערשטענדליך, אז די ערשטע פראַגע, וואָס מיר דאַרפען זיך שטעלען, ווען אונז קומט אויס צו בעשטימען, אויב די אָדער יענע זאַך איז קאַפּיטאַל אָדער ניט — איז: צי איז די זאַך געגעבען געוואָרען פון דער נאַטור פריי, אָדער זי ענט־האַלט אין זיך מענשליכע ארבייט.

ליכט, לופט, וואַסער (אויב זיי זיינען ניט פערכאַפּט פון פּריוואַט מענשען) זיינען מתנות פון דער נאַטור, אָבער זיי זיינען ניט קיין קאַפּיטאַל. עלעקטרישע מאַשינען צו געבען ליכט, א בלאַז־זאַק פון א שמיעד, אַנגעטראַגענע וואַסער פאַר געוויסע צוועקען זיינען יאָ קאַפּיטאַל, ווייל זיי ענטהאַלטען אין זיך מענשליכע אר־בייט. א ווילדער וואַלד, וועלכער וואַקסט פון זיך אָהן מענשלי־כער ארבייט — איז ניט קיין קאַפּיטאַל; א פערזעעטער וואַלד — איז יאָ קאַפּיטאַל.

קאַפּיטאַל מוז, אַלזאָ, זיין א רעזולטאַט פון דער מענשליכער אַרבייט. אָבער ניט אַלע נוצליכע זאַכען, וועלכע זיינען בעשאַ־פען געוואָרען דורך מענשליכער ארבייט זיינען קאַפּיטאַל. אַן אַנצוג, וואָס איינער טראָגט, דאָס ברויט, וואָס מען קויפט פאַר'ן איינענעם געברויך, די דירה, וואו מען וואוינט רעכנען זיך ניט פאַר קאַפּיטאַל. צום קאַפּיטאַל געהערען אַזוינע זאַכען, וועלכע ווערען ניט פערווענדט צום אייגענעם אונמיטעלבאַרען געברויך, נאָר וועלכע ווערען בענוצט כדי צו פּראָדוצירען דורך זיי אנדערע זאַכען. נאָר זאַכען, וועלכע ווערען בענוצט פאַר דער פּראָדוקציע — ווערען אָנגערופען קאַפּיטאַל. דער טיש, אויף וועלכען מיר עסען; די דירה, וואו מיר וואוינען; די קליידער, וואָס מיר טראָ־גען — וועלען ניט זיין קיין קאַפּיטאַל. דער טיש אין א מעבעל־געשעפט; די דירות, וועלכע ווערען פערדונגען צו בעקומען דירה געלד; די בגדים, וואָס ווערען געמאַכט אָדער געהאַלטען צו פער־קויפען — געהערען יאָ צו קאַפּיטאַל, ווייל זיי ווערען ניט פער־ווענדט צום אייגענעם געברויך.

אום א זאַך זאָל הייסען קאַפּיטאַל מוז זי, בכן, זיין:

1) א רעזולטאַט פון מענשליכער ארבייט און

2) מוז זי ווערען פערווענדט פאַר דער ווייטירדיגער פּראָ־דוקציע.

ווילען מיר דאָס מאַכען בקיצור מוזען מיר זאָגען אַזוי:

אַלץ וואָס איז אַ רעזולטאַט פון מענשליכער ארבייט און ווערט בע־נוצט פאַר דער פּראָדוקציע פון נייע זאַכען — ווערט אָנגערופען קאַפּיטאַל.

מאַרקס קריטיקירט אָט די בעגריפען וועגען קאַפּיטאַל. לויט מאַרקס'ן איז קאַפּיטאַל מעהר אַ היסטאָרישער בעגריף און איז פערבונדען מיט אַ געוויסער היסטאָרישער עפּאָכע — מיט דער היינטיגער צייט.

אין היינטיגער צייט צייכענט זיך די פּראָדוקציע אויס דערמיט, וואָס זי שאַפט ניט פּראָדוקטען פאַר'ן אייגענעם געברויך, נאָר מיט דעם צוועק צו בעקומען פּראָפיט. ווען אַן אונטערנעהמער קויפט הייזער, אינסטרומענטען, רויהע מאַטעריאַל, ארבייט־קראַפט און מאַכט אַ פאַבריק, טאָ האָט ער כלל ניט אין זינען זיין אייגענעם געברויך. היינט שאַפט מען איבערהויפּט ניט קיין פּראָדוקטען פאַר זיך אַליין. מען שאַפט פאַר'ן מאַרק, פאַר'ן פערקויף. דער צוועק פון דער דאָזיגער פּראָדוקציע איז פּראָפיט, ריווח. צו בע־קומען מעהר, וויפיעל מען האָט אריינגעלייגט.

אַמאָליגע צייטען האָט מען ניט געשאַפען צוליעב פּראָפיט, נאָר פאַר'ן אייגענעם געברויך. אפילו ווען מען האָט געשאַפען פּראָדוקטען, וועלכע מען האָט ניט נויטיג געהאַט פאַר'ן אייגענעם געברויך, טאָ האָט דער פּראָדוצירער בשעת מעשה זיך געטראַכט, אַז פאַר די פּראָדוקטען, וועלכע זיינען איהם פערזענליך אָדער זיין פאַמיליע ניט נויטיג, וועט ער קענען קריגען אַנדערע פּראָדוקטען, וועלכע זיינען איהם נויטיג פאַר זיין אייגענעם בעדאַרף.

ווען אַ פאַרמער פון די אַלטע צייטען האָט, למשל, פּראָדו־צירט מעהר ווייץ, וויפיעל איהם איז נויטיג געווען, טאָ האָט ער ניט געוואָלט דערביי מאַכען ריווחים. ער האָט זיך בשעת מעשה גערעכענט, אַז פאַר די איבעריגע תבואות, וועלכע ער קען ניט פערברויכען, וועט ער קריגען, אַ שטייגער, בהמות פון אַ פּאַס־טוך, וועלכער קען מיט פאַרמעריי זיך ניט בעשעפטיגען, און, מוז זיך אָבגעבען מיט פיהצוכט.

אויב ראובן האָט זיך אָבגעגעבען צו דער פּראָדוקציע פון תבואות און שמעון צו פיטערען בהמות, האָבען זיי דאָס ביידע געטהאָן צוליעב ריינע אויסערליכע בעדינגונגען, דערפאַר, ווייל ראובן'ס באָדען איז געווען בעסער פאַר פאַרמעריי און שמעון'ס

פאַר פיהצוכט. אי שמעון, אי ראובן זיינען ניט אויסען געווען צו בעקומען מעהר, וויפיעל זיי איז נויטיג געווען פאַר די בעדערפּ־נישען פון זייער פאַמיליע. די אויפגאַבע פון דער אַלטמאָדישער פּראָדוקציע איז, אַלזאָ, געווען — צו קריגען פּראָדוקטען פאַר'ן אייגענעם געברויך. היינט איז גאַנץ אַנדערש. היינט שאַפט מען פּראָדוקטען בלויז מיט דעם צוועק צו בעקומען פּראָ־פיט. ווען איינער לעגט אריין געלד אין אַ געשעפט, למשל, 1000 דאָלאַר, טאָ טהוט ער דאָס, ווייל ער וויל שפּעטער בעקומען מעהר ווי 1000 דאָלאַר — דעם קרן מיט אַ ריוח. די היינטיגע קאַפּי־טאַליסטישע פּראָדוקציע איז דאָ, בכן, לשם פּראָפיט. און ווען מיר ווילען זיך קלאָהר מאַכען, וואָס מען פערשטעהט אונטערען וואָרט קאַפּיטאַל אין היינטיגע צייטען, מי־זען מיר צולייגען די ווערטער: „פאַר פּראָפיט“.

אין היינטיגער צייט רופט מען קאַפּיטאַל אַלץ, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון מענשליכער אַרבייט און ווערט בענוצט מיט דעם צוועק צו בעקומען פּראָפיט, ד. ה. מעהר, וויפיעל דער קרן.

לויט דיזער בעשטימונג ווערט געלד, וואָס איינער האַלט אום צו בעצאָהלען פאַר זיך דירה געלד, אָדער צו קויפען אַן אנצוג פאַר זיך צו טראָגען, ניט הייסען קיין קאַפּיטאַל. דאָס געלד אָבער, מיט וואָס איינער קויפט אַ הויז, אום צו בעקומען דורך דעם פּראָ־פיט; דאָס געלד, מיט וואָס איינער קויפט מלבושים, כדי זיי צו פערקויפען און צו בעקומען מעהר וויפיעל עס קאָסט — ווערט יאָ הייסען קאַפּיטאַל.

אין היינטיגער צייט איז געלד דער טיפּישער פערטרעטער פון קאַפּיטאַל, ווייל איצט ווערט געלד פערוועגדט אין געשעפט כדי צו קריגען מעהר, וויפיעל מען האָט אריינגעלייגט. אין די אַלטע צייטען איז דאָס ניט געווען אַזוי. דעמאָלט איז געלד גע־ווען בלויז אַ מיטעל צום טויש.*)

אין די אַלטע צייטען פלעגט מען שאַפען פּראָדוקטען, זיי אויסבייטען אויף געלד און מיט דעם געלד קויפען אַנדערע פּראָ־דוקטען. ווייל מען דעם אַמאָליגען סדר פון האַנדעל פאַרשטעלען אין ראשי תיבות, בעקומט מען פאָלגענדע פאָרמולע: ס—ג—ס (סחורה—געלד—סחורה). געלד איז דאָ דער פערמיטלער צווי־שען די סחורות. היינט איז גאַנץ אַנדערש. היינט קויפט מען

*) זעה ווייטער דאָס קאַפּיטעל: „געלד“.

מיט געלד סחורה, כדי די סחורה צו פערקויפען פאר מעהר געלד — פאר'ן קרן מיט'ן ריוח. אין ראשי תיבות וועט עס הייסען: ג—ס—ג+ג (געלד—סחורה—געלד+מיט נאך געלד). מען גיט אוים געלד ניט אבי צו קריגען א פראדוקט פאר'ן אייגענעם גע־ברויך, נאר כדי צו קריגען שפעטער מעהר געלד. געלד איז דא, בכן, דער טיפישער פערטרעטער פון קאפיטאל, וואס ווערט פער־ווענדט אין דער פראדוקציע פאר פראפיט.

עס זיינען פאראן זאכען, וועלכע קענען געדעכענט ווערען פאר קאפיטאל און קענען ניט גערעכענט ווערען פאר קאפיטאל. דאס היינגט אב פון וועלכען שטאנדפונקט מיר קוקען דערויף, פון יחיד'ס שטאנדפונקט, אדער פון כלל'ס שטאנדפונקט. ביבליאטע־קען, טעאטערס, צירקען, באד־הייזער א. א. וו. זיינען ניט קיין פראדוקציאנס מיטלען, נאר געברויך'ס מיטלען, זיי האבען דעם צוועק צו בעפרידיגען די אונמיטעלבארע בעדערפנישען. פון דיזען שטאנדפונקט זיינען זיי אלזא ניט קיין קאפיטאל. ווען איינער האט אבער דיזע זאכען געבויט ניט לטובת הכלל, נאר איינפאך אלס א מיטעל צו האבען דורך זיי א געוויסע הכנסה, א פראפיט — דאן זיינען זיי אט פון דעם שטאנדפונקט פון זייער אייגענטימער יא קאפיטאל.

די הויפט זאך, וואס מיר ווילען דא זאגען איז, אז א זאך אן און פאר זיך איז ניט אלע מאל אדער יא קאפיטאל, אדער ניט קאפיטאל. עס ווענדט זיך אלץ פון געוויסע היסטארישע אין יורידישע בעדינגונגען.

נאך אט די אלגעמיינע כללים וועגען דעם, וואס עס הייסט קאפיטאל, וועלען מיר אויסרעכנען די פרטים, וועלכע בילדען דאס קאפיטאל אין אונזער צייט.

1) רויהע מאטעריאלען. יעדער וועבער מוז קודם כל האבען פלאקס, וואל אדער באוועל, וואס צו וועבען; יעדער שמיד מוז האבען אייזען; יעדער בוימייסטער מוז האבען האלץ; יעדער שוסטער — לעדער א. א. וו. אט די אלע זאכען בעקומט מען ניט פון דער נאטור פארטיגערהייט. עס קאסט אר־בייט איידער מען קען פון זיי מאכען נייע פראדוקטען. דאס האלץ האט מען פריהער געהאקט, געזועגט, געשניטען; פלאקס — געזעעט, געריסען, געטריקענט; לעדער — געגארבט און געוואלקט. זיי ענטהאלטען אלזא מענשליכע ארבייט און ווערען בענוצט פאר דער ווייטערדיגער פראדוקציע — זיי זיינען קאפיטאל.

2) אינסטרומענטען, מאשינען פאר דער לאַנד־ווירטשאפט און פאר דער אינדוסטריע. זיי זיינען אלע בעשאפען געוואָרען דורך מענשליכער ארבייט און ווערען פערוועגדט פאר דער ווייטערדיגער פּראָדוקציע, — זיי זיינען קאַפּיטאַל.

3) בהמות. זיי ווערען אמת ניט בעשאפען דורך מענשליכער ארבייט, אָבער דאָס אויפפאסען אויף זיי און זייער נאהרונג קאָסט ניט ווייניג ארבייט. בהמות ווערען אויך געברויכט פאר ווייטערדיגער פּראָדוקציע — זיי געהערען צום קאפיטאַל.

4) די אַלע פערבעסערונגען, וועלכע ווערען געמאכט הן אין דער לאַנדווירטשאפט, הן אין דער אינדוסטריע. די בעוואסערונג פון א פארם, קאנאַלען, טונעלען, שליוזען, מיס־טיגונגען פון פעלדער — דאָס אַלעס ווערט געמאכט כדי צו פערגרעסערען די פּראָדוקציאָן, און זיי הייסען קאפּיטאַל.

געביידען, וועלכע דיענען אַלס ערטער צו ארבייטען (פאבריקען) און אַלס קראָמען און מאגאזינען פאר פארטיגע סחורות.

6) פערקעהרס מיטלען: שאָסען, אייזענ־באהנען,ש יפען, א. אז. וו.

7) געלד, ווען עס ווערט פערוועגדעט פאר פּראָדוק־ציאָנס צוועקען, כדי צו קויפען רויהע מאטעריאַלען, צו צאָהלען שכירות די ארבייטער א. אז. וו.

8) נאהרונגס מיטלען ביים קרעמער אָדער ביים אונטערנעהמער, ווען ער צאָהלט מיט זיי די ארבייטער בתורת שכירות. בכלל זיינען נאהרונגס מיטלען זאכען צום גע־ברויך, אָבער אין היינטיגער צייט, אין דער צייט פון פריוואט אייגענטהום, דיענען זיי גאַנץ אָפט אַלס פּראָדוקציאָנס מיטלען, ווי צו מאכען דורך זיי געלד. ווען דער אונטערנעהמער צאָהלט די ארבייטער מיט נאהרונגס מיטלען, טהוט ער דאָס ניט לשם שמים, כדי די ארבייטער זאָלען זיין זאט, נאָר כדי זיי זאָלען ארבייטען און שאפען פאר איהם פּראָפיט. אין דעם פרט זיינען די נאהרונגס מיטלען גלייך צו דעם געלד, וואָס דער אונטערנעה־מער האַלט פאר שכירות, און צו די הייזער, וועלכע דער אונטער־נעהמער פערדינגט זיינע ארבייטער צו וואוינען. פון שטאַנד־פונקט פון כלל זיינען די נאהרונגס מיטלען טאקע ניט קיין קא פּיטאַל, אָבער פון שטאנדפונקט פון פרט, פון יחיד זיינען זיי

צייטענווייז יא קאפיטאל, ווייל דורך די נאהרונגס מיטלען קען דער אונטערנעהמער קויפען ארבייטס קראפט — די וויכטיגסטע זאך פאר יעדער אונטערנעהמונג.

צווישען די אויסגערעכענטע מינים קאפיטאל זיינען פאראן אזוינע, וועלכע קענען געברויכט ווערען אין דער פראדוקציע ניט מעהר ווי איין מאל, ווי צ. ב. רויה מאטעריאל, האלץ, קויהלען, געלד אדער נאהרונגס מיטלען פאר שכירות. אט די אלע זאכען גלייך, ווען זיי ווערען איינמאל פערוועגדעט, קענען זיי נאך אמאל ניט פערוועגדעט ווערען. קויהלען קען נאר איין מאל פערברויכט ווערען. רויה מאטעריאל, פלאקס א שטייגער, קען נור איין מאל איבערגעארבייט ווערען. נאך דעם ווי זיי ווערען שוין פערטהאן, פערלירען זיי זייער פריהערדיגע פארם און געשטאלט. אויך מיט דעם געלד, וואס דער אונטערנעהמער האלט פאר ארבייט־לוין, קען ער נור איין מאל צאהלען די ארבייטער, גלייך ווי ער צאהלט אוים, געהט דאס געלד ארוים פון זיין רשות. זייער נוצען און בעדייטונג פאר'ן אונטערנעהמער פערלירען אט די אלע זאכען, גלייך ווי זיי ווערען דאס ערשטע מאל פערנוצט. גאנץ אנדערש זיינען אבער די מאשינען, למשל, אדער געביידעס, אדער בהמות, וועלכע ווערען פערוועגדעט אין דער פראדוקציע. אט די זאכען ווערען ניט מיט דעם ערשטען מאל אויסגענוצט. זיי קענען נוצען פאר פיעלע אפעראציעס. א מאשין קען שטעהן א לאנגע צייט, מיט אן אקער אייזען קען מען פיעל מאל אקערן; א פעלד, א געביידע קען שטעהן צעהנדליגע יאהר איידער זי ווערט אבגענוצט, און דעריבער האבען די קלאסיקער עקאנאמיסטען איינגעטיילט די פערשיעדענע סארטען קאפיטאל אין

1) שטענדיג, גרונד קאפיטאל, וואס ווערט אנגעוועגדעט אין פיעלע ארבייטען (מאשינען, געביידען, כישא פערד) און

2) פערענדערליך קאפיטאל, וואס קען מעהר ווי איינמאל ניט אנגעוועגדעט ווערען ביי דער ארבייט, ווי געלד און נאהרונגס מיטעל פאר ארבייט־לוין, רויה־מאטעריאל א. אז. וו.

קארל מארקס האט געגעבען אן אנדער קלאסיפיקאציע פאר די פערשיעדענע סארטען קאפיטאל.

לויט מארקס'ן געהערט צום שטענדיגען קאפיטאל אלץ דאס, וואס שאפט ניט קיין נייעם ווערטה אין נייעם פראדוקט; צום

פּערענדערליכען קאַפּיטאַל — דאָס, וואָס גיט צו צום נייעם פּראָ־דוקט אַ גרעסערען ווערטה, ווי די קאָסטען, וואָס זיינען אויסגע־געבען געוואָרען. אַלע סאָרטען קאַפּיטאַלען, אַריינגערעכענט אויך רויהע מאַטעריאַל א. אז. וו. געהערען לויט אָט דער קלאַסי־פיקאַציע צום שטענדיגען קאַפּיטאַל, ווייל דער אונטערנעהמער פּערדיענט אָן זיי ניט, ער בעקומט פון דעם נייעם פּראָדוקט נאָר דאָס, וואָס עס איז אָבגענוצט אָדער אויסגענוצט געוואָרען אין זיין פּראָדוקציע. דאָס איינציגע, וואָס הייסט פּערענדערליך קאַפּיטאַל, איז דאָס געלד, אָדער נאַהרונגס מיטלען, מיט וואָס מען קויפט ארבייט־קראַפט, ווייל דאָס איינציגע, וואָס שאַפט נייע ווערטהען אין דעם נייעם פּראָדוקט, איז ארבייט־קראַפט. ארבייט־קראַפט אונטערשיידעט זיך פון אַלע אַנדערע זאַכען, וועלכע ווערען פּער־ווענדעט אין דער פּראָדוקציע, דערמיט, וואָס זי האָט די טבע צו געבען דעם אונטערנעהמער מעהר, וויפיעל ער האָט פאַר איהר אויס־געגעבען. *) אַלס אַ כלל קענען מיר אָננעהמען, אַז טויטע, פּער־גליווערטע ארבייט (קאַפּיטאַל איז, ווי מיר ווייסען, אַ רעזולטאַט פון ארבייט) בילדעט דאָס שטענדיג, טויטע קאַפּיטאַל; לעבעדיגע ארבייט, די ארבייט וואָס איז נאָך ניט פערטהאָן געוואָרען (ארבייט קראַפט) — דאָס פּערענדערליך, לעבעדיג קאַפּיטאַל.

ווען און ווי אַזוי איז ענטשטאַנען דאָס קאַפּיטאַל?

ווען די ערשטע מענשען, וועלכע האָבען זיך ערנעהרט מיט פיה, האָבען געמוזט זייער גאַנצע ארבייט אָבגעבען פאַר זייער קלענליכער חיונה, צו כאַפּען אַזוי פיעל פיש, וויפיעל זיי איז נויטיג געווען צום לעבען, האָבען זיי, זעלבסט פערשטענדליך ניט געהאַט קיין צייט צו מאַכען געצייג און האָבען במילא ניט גע־האַט קיין קאַפּיטאַל. ערשט שפּעטער, ווען זיי האָבען אין איין טאָג, למשל, אָנגעכאַפּט פיש פאַר צוויי טעג און זיי איז דאָן גע בליבען אַן איבעריגער טאָג ארבייט, האָבען זיי געהאַט די מעג־ליכקייט צו מאַכען אַ נעץ אָדער אַן אַנגעל כדי עס זאָל זיי זיין שפּעטער לייכטער צו פאַנגען. דער נעץ און דער אַנגעל פון די פישער; דער פייל און בויגען פון די ערשטע יעגער — זיינען געווען דאָס ערשטע קאַפּיטאַל.

ובכן: קאַפּיטאַל איז ערשינען אין דער געשיכטע דאָן, ווען

*) אויספיהרליכער וועגען דעם ווייטער, ווען מיר וועלען ריידען וועגען מעהר ווערטה. א. ש. ז.

מענשען האָבען ניט בעדאַרפט פערווענדען זייער גאַנצע ארבייט פאר דעם אונמיטעלבאַרען, דירעקטען געברויך.

אז קאַפּיטאל איז א רעזולטאט פון ארבייט און ניט פון אָב־שפּאָרעניסען, ווי פיעלע ווילען איינריידען, זעהט מען גאַנץ קלאָר אויך איצט. וואָס מעהר ארבייט אין דער געזעלשאַפט, אַלץ גרעסערע קאַפּיטאַלען ווערען געזאַמעלט.

דאָס קאַפּיטאַל גופא האָט פון זיין זייט נאָך מעהר פערלייכטערט די ארבייט פון מענשען, און דער מענש האָט במילא נאָך מעהר צייט געקראָגען אום צו שאַפען קאַפּיטאַל. און אַזוי זעהען מיר אין דער גאַנצער געשיכטע, אז וואָס וועניגער ארבייט די געזעלשאַפט דאַרף אויסגעבען פאַר די אונמיטעלבאַרע בעדערפנישען, אַלץ גרעסער איז דאָס קאַפּיטאַל, וואָס זי שאַפט.

לויט מאַרקס'ן, ווי מיר האָבען געזעהען, איז דער בעגריף פון קאַפּיטאַל פערקניפּט מיט דער היינטיגער צייט, וואו די גאַנצע פּראָדוקציאָן ווערט געפיהרט לשם פּראָפיט, און לויט דעם איז דאָס קאַפּיטאַל ענטשטאַנען דאַן, ווען איין מענש האָט אָנגעפאַנגען צו עקספּלואַטירען דעם צווייטען מענש, אין דער צייט, ווען די ארבייטער זיינען בערויבט געוואָרען פון זייערע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און זיינען געוועזען געצוואונגען צו פערקויפען זייער אַרבייט־קראַפט צו אַן אַנדערן. „די עקזיסטענץ פון א קלאַס, וואָס האָט גאָר ניט, אויסער זיין ארבייט־קראַפט, איז א נויטווענדיגע בעדינגונג פון קאַפּיטאַל" — זאָגט מאַרקס.

כל זמן מענשען ארבייטען אַליין מיט זייערע פּראָדוקציאָנס מיטלען און בענוצען זיך ניט מיט פרעמדער ארבייט קען קיין קאַפּיטאַל זיך ניט אָנקלייבען. קאַפּיטאַל קען זיך אָנקלייבען נאָר דאַן, ווען עס איז פאַראַן מעהר־ווערטה, *) און מעהר־ווערטה קען נאָר זיין דאַן, ווען עס ווערט עקספּלואַטירט פרעמדע ארבייט. אייגענע ארבייט, ווי פּרוכטבאַר זי זאָל ניט זיין, קען קיין גוזמא ניט שאַפען און האָט אויך ניט געקענט אַרויסרופען די אָנקלייבונג פון קאַפּיטאַל.

די ווערטער „ק א פּ י ט א ל י ס ט י ש ע פּראָדוקציע", ווי עס ווערט אָנגערופען דאָס היינטיגע סיסטעם, בעדייטען א סיסטעם, וואָס איז געבויט אויף פרעמדער ארבייט, אויף לוין־ארבייט.

די ביורגערליכע עקאָנאָמיסטען, וועלכע פערדעקען דעם אמת'ן

---

*) וועגען מעהר ווערטה — שפּעטער.

כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, און־טערשטרייכען אימער, אַז דאָס הויפּט־קאַפּיטאַל איז ענטשטאַנען אין די גאָר אַלטע צייטען נאָך איידער די געזעלשאַפט איז געווען צושפּאָלטען אויף קלאַסען.

● מאַרקס בעווייזט, אַז נאָר וואו עס איז פאַראַן עקספּלואַטאַ־ציע, קען זיך אָנקלייבען קאַפּיטאַל.

אָט ווי מאַרקס שילדערט היסטאָריש די ענטשטעהונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע: „די ענטדעקונג פון גאָלד און זילבער לענדער אין אַמעריקאַ; דאָס אויסראָטען, פערשקלאַפען און בעגראָבען די איינגעבאָרענע בעפעלקערונג אין די שאַכטען; די עראָבערונג און דאָס אויספּלינדערן פון מזרח־אינדיע; די פער־וואַנדלונג פון אַפריקאַ אין אַ האַנדעלס־יאַגד אויף די שוואַרצ־הויטיגע מענשען — בעצייכענען די מאָרגען־רויט פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.“ און ווייטער: „דאָס אָבנעהמען פון די פויערים דעם גרונד און באָדען בילדעט די גרונדלאַגע פון גאַנצען פּראָצעס“.

מאַרקס, זעלבסטפערשטענדליך, לייקענט ניט, אַז שוין אין די אַלטע צייטען איז געווען קאַפּיטאַל. אָבער דאָן האָט עס קיין ראָליע ניט געשפּיעלט. די הויפּט־ראָליע פון קאַפּיטאַל איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, וואָס עקזיסטירט לשם פּראָ־פיט און דעריבער אונטערזוכט מאַרקס הויפּטזעכליך די ענטשטע־הונג פון׳ם מאָדערנעם קאַפּיטאַל, פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז די נשמה פון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.

די אויפגאַבע פון קאַפּיטאַל איז — לייכטער צו מאַכען די אַרבייט. דורך דעם קאַפּיטאַל איז די אַרבייט פון מענשען לייכ־טער און פרוכטבאַרער. דאָס קאַפּיטאַל מאַכט מעגליך אַז אַר־בייט צוטיילונג און מאַכט, אַז אין איין און דערזעלבער צייט זאָל געשאַפען ווערען אַ גרעסערע צאָהל פּראָדוקטען. אַלע מעלות פון אַרבייט־צוטיילונג, וואָס מיר האָבען אויבען אויסגערעכענט, קענען צוגעשריבען ווערען צום קאַפּיטאַל.

די היינטיגע פּראָדוקציע צייכענט זיך אויס פון פריהערדיגע פאָרמען דערמיט, וואָס די פרוכטבאַרקייט פון אַרבייט איז ביי איהר גוואַלדיג גרויס. און דיזע פרוכטבאַרקייט איז צו פערדאַנקען דער אָנווענדונג פון קאַפּיטאַל.

עס איז אמת, אַז אַ דאַנק דעם קאַפּיטאַל ווערט דער פּראָ־צעס פון דער פּראָדוקציע פערלענגערט, ווייל עס נעהמט אַוועק

צייט דאָס אויסאַרבייטען די אינסטרומענטען — ד. ה. צו שאַפען קאַפּיטאַל. דערפאַר קען מען אָבער דורך דעם קאַפּיטאַל די אַר־בייט אַזוי אויסנוצען, אַז זי זאָל ניט נאָר אַריינברענגען צוריק די צייט, וואָס די פּראָדוקציע פון קאַפּיטאַל האָט איינגעשלונגען, נאָר זי זאָל נאָך אויך געבען אַ גרויסען איבערשוס, אַ גרויסען ריוח.

וואָס מעהר קאַפּיטאַל, אַלץ מעהר מזל ברכה, אַלץ רייכער איז די געזעלשאַפט. אין פיעל הונדערטער און טויזענדער יאָהרען האָט טאַקע דאָס קאַפּיטאַל געהאָלפען דער אַרבייט. בלויז אין איצטיגע צייטען, אין דער צייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָ־דוקציע, איז דאָס קאַפּיטאַל געוואָרען געגענזעצליך צו אַרבייט און, ווי פייער מיט וואַסער, קענען זיי ביידע — קאַפּיטאַל און אַרבייט — ניט לעבען בשלום. אנשטאַט צו העלפען, אונטער־דריקט דאָס קאַפּיטאַל די אַרבייט. די אורזאַכע דערפון איז, וואָס אַרבייט און קאַפּיטאַל ליגען אין בעזונדערע הענד. די בעלי בתים פון קאַפּיטאַל אַרבייטען ניט און די, וועלכע אַרבייטען, האָבען ניט קיין קאַפּיטאַל.

אין די אַלטע צייטען איז דאָס קאַפּיטאַל ניט געווען אָבגע־זונדערט פון זיין מוטער — אַרבייט. די, וועלכע האָבען געאַר־בייט, האָבען געהאַט קאַפּיטאַל; די, וועלכע האָבען ניט געאַר־בייט, האָבען קיין קאַפּיטאַל ניט געהאַט. קאַפּיטאַל און אַרבייט האָבען געהאַט א י י ן בעל־הבית, איין אייגענטימער. שפּע־טער, ווען דאָס קאַפּיטאַל איז געוואָרען גרויס, האָט עס זיך אָב־געריסען פון אַרבייט און איז געוואָרען זעלבסטשטענדיג. עס איז ענטשטאַנען אַ נייער קלאַס מענשען — קאַפּיטאַליסטען — וועלכער האָט בלויז קאַפּיטאַל, און פון דער אַנדער זייט — אַ קלאַס מענשען, וועלכער האָט קיין אַנדער זאַך ניט, ווי אַרבייט.

די היינטיגע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע האָט אַלס איהר אויפגאַבע, בלויז צו עקספּלואַטירען צום נוצען פון קאַפּיטאַל. די אורזאַך ליעגט אין דעם רעכט פון פּריוואַט־אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען (לאַנד און קאַפּיטאַל). אַ דאַנק דעם רעכט פון פּריוואַט אייגענטום איז דאָס קאַפּיטאַל אַריין אין אַ ווידער־שפּרוך מיט זיך אַליין. אנשטאַט זיין ערשטער אויפגאַבע, צו העלפען אַרבייט — אונטערדריקט ער זי נאָר. דערפון איז גע־דרונגען, אַז ווען ס׳וועט קומען אַ צייט און פּריוואַט אייגענטום וועט אויפהערען צו עקזיסטירען, וועט קאַפּיטאַל צוריק אָנפאַנגען צו ערפילען זיין ערשטע אויפגאַבע — העלפען און לייכטער מאַ כען די מענשליכע אַרבייט.

6טע לעקציע

ווירטשאפט-סיסטעמען

א) נאַטוראַל־ווירטשאפטען

דעם מענש׳ קאַמפף מיט דער נאַטור ; קינסטליכע געצייג און געזעלשאפט־ליכקייט אַלס די בעסטע וואפען אין דעם דאָזיגען קאַמף ; די ענטוויק־לונג פון די וואפען ; די אורזאַכען פון דיזער ענטוויקלונג ; די שייכות צווישען די קינסטליכע געצייג און דער געזעלשאַפטליכקייט ; נאַטוראַל ווירטשאַפט און סחורה ווירטשאַפט ; דער אונטערשייד צווישען זיי ; די שטופען פון דער נאַטוראַל ווירטשאַפט : יאַגד, לאַנד ווירטשאַפט, שקלאַפעריי און לייב איינענשאַפט.

אין די פאָריגע קאַפיטלעך האָבען מיר ארומגערעדט די בע־דייטונג פון קאָאָפעראַציע און דער אָנווענדונג פון אינסטרומענ־טען אין דער מענשליכער אַרבייט. קאָאָפעראַציע און אינסטרו־מענטען זיינען תמיד געווען די בעסטע וואפען אין דעם קאַמפף, וואָס דער מענש האָט געפיהרט מיט דער ארומיגער נאַטור.

ווען ניט די דאָזיגע וואפען, וואָלט דער מענש געווים אונ־טערגעגאַנגען דערפאַר, ווייל דער מענש איז בטבע די שוואַכ־סטע חיה. ער ווערט ניט געבאָרען מיט פיזשע, קערפערליכע אָר־גאַנען, מיט נאַטירליכע געצייג, וועלכע זאָלען איהם שאפען נאָה־רונג, שיצען פון קעלט און אַנדערע נאַטירליכע שונאים. ער ווערט ניט געבאָרען מיט אַ דיקע הויט, מיט שאַרפע ציין און מיט שאַר־פע נעגעל, ווי זיינע קרובים — די חיות. דעם מענש׳ס מערכה אין דער נאַטור איז דעריבער שוועדער און ביטערער און ער וואָלט טאַקע געפאַלען אַ קרבן אין דעם קאַמפף פאַר דער עקזיסטענץ, אַזוי ווי פיעלע אַנדערע טויזענדע מיליאָנען מינים, וועלכע זיינען אונטערגעגאַנגען אין פערלויף פון דער געשיכטע, אַז עס איז אפילו פון זיי קיין זכר ניט געבליבען.

צום גליק האָט דער מענש אָנגעפאַנגען צו לעבען אין אַ גע־זעלשאַפט און ארבייטען צוזאַמען מיט אַנדערע פון זיין גלייכען. דיזע געזעלשאַפטליכקייט, דאָס צוזאַמען־אַרבייטען האָט איהם גע־ראַטעוועט פון אונטערגאַנג.

אויב אַליין, ביחידות, איז דער מענש, אַזוי ווי אַלע אַנדערע

בעשעפעניסען, געווען צו שוואך בייצוקומען אזא שטארקען פירב־טערליכען שונא, ווי די אויסערליכע נאטור, האט ער צוזאמען מיט נאך מענשען ענטוויקעלט אזא שטארקע מאכט, פאר וועלכער עס האט זיך געמוזט בויגען אפילו די שטאלצע, נים־נאכגעביגע נאטור.

די געזעלשאפטליכקייט, דאס צוזאמענארבייטען קען אבער האבען א ממשות בלויז דאן, ווען עס זיינען דערצו נאך פאראן ממשות׳דיגע וואפען, מיט וועלכע די געזעלשאפט זאל זיך קענען בענוצען.

מיט הוילע הענד, אהן געצייג און כלי־זיין איז די ארבייט פון מענשען זעהר אונפראדוקטיב. זי קען אויפטהאן גאנץ ווייניג, זי קען נאר פראדוצירען א קליינע סומע מיטלען, אזא סומע, וואס קען קוים בעפרידיגען די גאר נויטווענדיגסטע, פיזיאלאגישע בע־דערפניסען, אהן וועלכע דער מענש קען נים לעבען: שפייז, קליידונג א. אז. וו. אום די ארבייט זאל זיין ערפאלגרייך, מוז אנגעווענדעט ווערען געצייג, אינסטרומענטען.

וואס בעסער און ענטוויקעלטער די געצייג, אלץ ווייניגער צייט פערנעהמט אויסצוארבייטען די מיטלען, וועלכע זיינען נוי־טיג פאר די קערפערליכע בעדערפניסען און אלץ מעהר צייט בלייבט נאך פאר די איבעריגע פראדוקטען — פאר די פראדוקטען, וועל־כע ווערען פארברויכט שוין נים פאר די קערפערליכע, נאר פאר די העכערע גייסטיגע בעדערפניסען.

„דער מענש איז א געזעלשאפטליכע חיה״ — זאגט ארים־טאטעל.

„דער מענש איז א חיה, וואס מאכט געצייג״ — זאגט פראנ־קלין.

אין דיזע צוויי שפרוכען ליעגט דער גאנצער סוד פון מענ־שענס ערפאלג אין זיין קאמפף מיט דער ארומיגער נאטור.

דער מענש האט תמיד אנגעווענדעט קינסטליכע געצייג און האט תמיד געלעבט בחברותא, צוזאמען, אין א געזעלשאפט. און צוליעב דעם האט זיך דער מענש אלץ העכער און העכער אויפגע־הויבען אויפ׳ן לייטער פון ענטוויקלונג און איז געווארען דער „אתה־בחרתנו״, די קרוין פון דער נאטור.

אויף די ענטוויקלונג פון דער פאלקס־ווירטשאפט בעשטעהט, ערשטענס, דערין, וואס עס ווערען אויסגעבעסערט די געצייג און די כלי־זיין, מיט וועלכע די ווירטשאפט ווערט געפיהרט; צוויי־טענס, דערין, וואס די צאהל מענשען, וועלכע פעראייניגען זיך צוזאמען, ווערט גרעסער. די ערשטע מענשען האבען בענוצט

אין זייער ארבייט איינפאַכע געצייג און פלעגען זיך פעראייניגען אין קליינע געזעלשאפטען. וואָס ווייטער ווערט די צאָהל מענשען, וואָס געפינען זיך איין אין געזעלשאפט, אַלץ גרעסער און די אינסטרומענטען און געצייג, וועלכע ווערען פערווענדעט אין דער ווירטשאפט, אַלץ מעהר ענטוויקעלט. די ערשטע געזעלשאפטען זיינען, מעגליך, בעשטאַנען פון דער מוטער און איהרע קינדער; די ערשטע געצייג זיינען געווען אַ שפּיציגער שטעקען און אַן אָבגע־שאַרפטער שטיין. היינט אָבער צעהלט יעדע געזעלשאפט, יעדער שטאַט (וואָס איז ניט אַנדערש, ווי אַ פעראייניגונג פון מענשען) אין די מיליאָנען און פון די אַמאָליגע שטעקענס און שטיינער האָבען זיך ענטוויקעלט די מעכטיגע דאַמפף־ און עלעקטרישע מאַשינען, וועלכע מאַכען די ארבייט פּרוכטבאַרער אין מיליאָנען מאָל.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס עס איז פאַראַן אַ שטאַרקע שייכות צווישען די צוויי וואַפען — קינסטליכע גע־צייג און געזעלשאפטליכקייט. זיי זיינען צווישען זיך שטאַרק פערבונדען, הגם דיזער בונד זעהט זיך ניט אַלע מאָל בולט אָן.

די געזעלשאפטליכקייט, די בעציהונגען צווישען די מענשען, ענדערן זיך. זיי זיינען ניט אַלע מאָל דיזעלביגע. עס ענדערן זיך די געזעצען, עס ענדערט זיך דאָס פּאָליטישע לעבען, עס ענדערן זיך די מדות פון מענשען, און עס ענדערן זיך אויך די פאָרמען פון קונסט און ליטעראַטור.

וואָס זיינען די אורזאַכען פון אָט די פערענדערונגען? דורך וועלכע קרעפטען ווערט איין פּאָליטישע אָרדנונג בטל און אַן אַנדערע ענטשטעהט אויף איהר פּלאַץ? פאַר וואָס ווערט, למשל, אַן אַבסאָליוטיסטישע רעגיערונג פערוואַנדעלט אין אַ דעמאָקראַ־טיע?

דיזע אַלע פערענדערונגען ווערען ארויסגערופען דורך די פער־ענדערונגען אין די קינסטליכע געצייג. די מענ־שען ווערען אַלץ גרעסערע בעלי הוצאה, ווייל זייערע בעדערפניסען ענטוויקלען זיך מיט דער ענטוויקלונג פון קולטור, און אויסערדעם פערגרעסערען זיי זיך אין צאָהל, זיי זיינען פּרים ורבים און מען מוז זעהן צו האָבען אַ גרעסערע הכנסה, מען מוז זעהן צו קריגען מעהר לעבענס־מיטלען. דיזע נויט אין לעבענסמיטלען צווינגט די מענשען אויסצובעסערן זייערע וואַפען — די קינסטליכע געצייג, און אַ דאַנק דער דאָזיגער ענטוויקלונג פון די קינסטליכע געצייג ענדערט זיך שוין דאָס געזעלשאפטליכע צוזאַמענלעבען, די געזעל־שאפטליכקייט.

אַ פּאָר ביישפּיעלען:

אין דער ערשטער עפּאָכע פון דער מענשליכער קולטור, ווען אַלע מענשען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט יאַגד, איז די פאָרם פון געזעלשאַפטליכען לעבען געווען אַ קאָמוניסטישע (בחברותא'דיגע). אַזאַ פאָרם איז געווען אין הסכם מיט דעם צושטאַנד פון די קינסט־ליכע וואַפען, מיט וועלכע די מענשהייט האָט געפיהרט איהר קאַמפּף מיט דער נאַטור. ביקסען, שווערדען און נאָך אַזוינע קולטור־געוועהר זיינען ניט געווען. די גאַנצע געוועהר און געצייג זיינען בעשטאַנען פון אַ שטיין און אַ שטעקען. איינעם אליין איז געווען אונמעגליך צו פאַנגען אַ חיה. די מענשען האָבען זיך געמוזט אַלע פעראייניגען כדי מיט אַלגעמיינע כחות צו פאַנגען פערשיידענע חיות. אין דער יאַגד האָבען אַלע מיטגליעדער פון דער גרופּע גענומען אַ גלייכען אַנטייל. נעהמענדיג אַ גלייכען אַנטייל אינ'ם שאַפען פּראָדוקטען, האָבען זיך שפּעטער אַלע גלייך געמוזט צוטיילען מיט דעם געשאַפענעם פּראָדוקט, מיט דעם רויב.

די צאָהל מיטגליעדער פון דער יאַגער־גרופּע איז געוואַקסען, און צוזאַמען מיט דער צאָהל זיינען אויך געוואַקסען די בעדערפ־ניסען. די יאַגד בעשעפטיגונג איז שוין ניט געווען אימשטאַנד אַלע בעדערפניסען צו בעפרידיגען. די נויט האָט געצוואונגען דעם מענשען זוכען אַ נייע סאָרט ווירטשאַפט. דער מענש איז איבערגעגאַנגען צו ל אַ נ ד ו ו י ר ט ש אַ פ ט א ו ן פ י ה צ ו כ ט. לאַנדווירטשאַפט און פיהצוכט, לויט די דאַמאָל־דיגע געצייג, האָבען ניט געפאָדערט די ארבייט פון אַ ס ך מ ע נ ש ע ן צ ו ז אַ מ ע ן. ביי שלעכטע געצייג איז אַ סך בעסער צו בעאַרבייטען דאָס לאַנד אַליין, אָדער מיט אַ קליינע צאָהל מענשען, איידער מיט אַ סך מענשען צוזאַ־מען. דאָס לאַנד איז אַ סך פּרוכטבאַרער, ווען איינער אָדער איי־ניגע בעאַרבייטען אַ קליין שטיק ערד, איידער אַ סך אויף אַמאָל— אַ גרויסען שטח. וויבאַלד דער שותפות'דיגער אַנטייל אין דער פּראָדוקציע איז בטל געוואָרען האָט שוין במילא אויך אויפגע־הערט די פריהערדיגע פאָרם פון צוזאַמענלעבען. די קאָמוניס־טישע געזעלשאַפטליכע פאָרם האָט זיך געביטען אויף אַ פּאַט ריכאַלישע, וואָס איז שוין געגרינדעט אויף פריוואַט אייגענטום, אַזוי ווי עס האָט געפאָדערט יענער צושטאַנד פון די קינסטליכע געצייג.

די בעדערפניסען ווערען אָבער וואָס ווייטער אַלץ מעהר ענט־וויקעלט. לאַנדווירטשאַפט און פיהצוכט אין זייער דאַמאָלדיגען

שטאַנד זיינען שוין אויך געוואָרען ניט־געניגענדע קוועלען אויף חיונה. מען האָט זיך גענומען שטאַרקער צו מלחמות. די מלחמות אין דער אַלטער צייט זיינען געווען אַ נויטווענדיגער פּועל־יוצא פון דעם קאַמפּף פאַר דער עקזיסטענץ. מלחמות פאָדערן אַ שטאַרקע און פעסטע דיסציפּלין. אַ דיסציפּלין קען זיך נאָר רעכט האַלטען דערמאָלט, ווען די רעגיערונג טראָגט אַ דעספּאָטישען כאַראַקטער. אויסער דעם ברייננגען די מלחמות פיעל געפאַנגענע פון די איינגענומענע שבטים. כל זמן די אַרבייט פון יעדען מענשען איז געווען אַזוי אָרעם, אַז זי האָט אפילו ניט געקענט בעפרידיגען די אייגענע בעדערפניסען, האָט דעם זיעגרייכען שבט ניט געלוינט צו האַלטען די געפאַנגענע, און האָט זיי בעסער אויסגע׳הרג׳עט. שפּעטער אָבער, ווען די אַרבייט האָט געקענט שאַפען מעהר, וויפיעל עס איז נויטיג פאַר זיך אַליין, האָט שוין דעם זיעגרייכען שבט ניט געלוינט אויסצוהרג׳ענען די איינגענומענע שבטים, נאָר זיי פערוואַנדלען אין שקלאַפען. אַזוי האָט זיך ענטוויקעלט די שקלאַפעריי.

דער אונטערגאַנג פון דער שקלאַפעריי, ווי די ענטשטעהונג פון לייב־אייגענשאַפט איז אויך געווען אַ רעזולטאַט פון די פערענדערונגען אין די קינסטליכע געצייג, אין דער אַרט און ווייזע ווי די מענשהייט האָט געפיהרט דעם קאַמפּף פאַר דער עקזיסטענץ, אָדער בעסער אין דעם סיסטעם פון ווירטשאַפט.

אונזער אויפגאַבע איז דאָ אָבער ניט צו ווייזען, ווי אַזוי די פערשיעדענע פּאָליטישע פאָרמען האָבען זיך געביטען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פערענדערונג אין די ווירטשאַפטס־סיסטעמען. די הויפּט זאַך, וואָס מיר ווילען דאָ, איז צו געבען אַ קורצען איבערבליק אויף די ווירטשאַפטס־סיסטעמען גופא, וועלכע זיינען געווען אין אונזער געשיכטע.

היסטאָריש ווערט די גאַנצע ווירטשאַפט איינגעטיילט אין צוויי פעריאָדען: 1) נאַטוראַל־ווירטשאַפטען, 2) די סחורה־ אָדער טויש־ווירטשאַפטען.

צו די נאַטוראַל־ווירטשאַפטען געהערען יענע ווירטשאַפטען, וואו די פּראָדוקטען ווערען פּראָדוצירט פאַר׳ן אייגענעם געברויך, און וואו די ווירטשאַפט איז אָרגאַניזירט לויט אַ געוויסען פּלאַן. די גאַנצע ווירטשאַפטליכע אַרבייט ווערט פערוואַלטעט פון אַ בעשטימטען רצון. אָט דער ווילען ווייס די בעדערפניסען פון דער געזעלשאַפט און אין הסכם מיט אָט די בעדערפניסען ווערט אָר־

גאניזירט די ווירטשאפט. דער קאנסום, דער געברויך איז דער צוועק און די פראדוקציאן איז א מיטעל ווי צו בעפרידיגען דעם געברויך. די גאנצע ווירטשאפטליכע ארבייט בעשטעהט פון צוויי רינגען, פון פראדוקציע און קאנסומפציע. דער מיטעל־רינג, די צירקולאציע, דער מסחר איז אדער גאר ניט געווען, אדער געווען זעהר ווייניג ענטוויקעלט. דיזע ווירטשאפטליכע סיסטעמען זיינען:

א) יאגד,
ב) לאנדווירטשאפט און פיהצוכט,
ג) שקלאפעריי, און
ד) לייב־אייגענשאפט, אדער פעאדאליזם.

צו די סחורה־ווירטשאפטען געהערען יענע ווירטשאפטען, וואו די פראדוקטען זיינען סחורות און ווערען פראדוצירט פאר׳ן מארק, און ניט פאר׳ן אייגענעם געברויך. אין אט די ווירטשאפט האט די פראדוקציע ניט אלס איהר צוועק צו בעפרידיגען די בעדערפניסען פון כלל, נאר צו שאפען פראפיט פאר די פראדו־צירער. די גאנצע ווירטשאפט איז ניט ארגאניזירט, נאר ווערט רעגולירט דורך בלינדע עקאנאמישע געזעצען. די צירקולאציע, דער טויש איז די הויפט־אקס, ארום וועלכער עס דרעהט זיך די גאנצע ווירטשאפט.

די סחורה־ווירטשאפט צוטיילט זיך אויף:

א) מלאכה,
ב) מאנופאקטור,
ג) פאבריק.

אין דער יאגד־צייט איז אייגענטליך נאך ניט געווען קיין ווירטשאפט אין דעם זין, ווי מיר האבען בעשטימט, וואס א ווירט שאפט הייסט (אן איבערלעגטע, מיושב׳דיגע ארבייט). דאן האבען די מענשען ערשט אנגעפאנגען צו לעבען צוזאמען. די יאגד־שבטים פלעגען שטענדיג הונגערן, די נאטור האט איבער זיי גע־הערשט דעספאטיש. זייער עקזיסטענץ האט אבגעהאנגען פון א צופאל. די פארם פון צוזאמענארבייטען איז געווען אן איינפאכע. קיין ארבייט־צוטיילונג איז ניט געווען. די פארם פון פונאנדער־טיילונג איז געווען א קאמוניסטישע, אין הסכם מיט דער ארט פון צוזאמענארבייטען. פון דער עקספלואטאציע פון איין מענש דורכ׳ן צווייטען איז נאך קיין זכר ניט געווען.

ביי דער לאנדווירטשאפט און פיהצוכט זיינען די מענשען שוין ניט געווען אזוי פערשקלאפט ביי דער נאטור. זיי זיינען

שוין ניט געווען אזוי אָבהענגיג פון צופאל, ווי ביי דער יאגד־בע־שעפטיגונג. עס האָט זיך שוין דאן אָנגעפאנגען אן ארבייט־צי־טיילונג צווישען די מיטגליעדער פון דער פאמיליע. אן דער שפּיץ פון דער ווירטשאפט איז געשטאנען אן אָרגאניזאטאָר, א פּאטריאַרך, וועלכער האָט געהערשט איבער די אנדערע מיטגליע־דער פון דעם שבט, אָדער פאמיליע. אין דער דאָזיגער צייט האָט זיך שוין אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען פּריוואט אייגענטום און עקס־פּלואטאציע.

ביי דער שקלאפעריי האָט די עקספּלואטאציאָן פון מענשען דערגרייכט די העכסטע שטופע. מענשען זיינען ערנידעריגט גע־וואָרען צו דער מדרגה פון אונלעבעדיגע געצייג. פּריוואט אײ־גענטהום איז געוואָרען א הייליג רעכט. די ארבייט־צוטיילונג צווישען די מיטגלידער פון דער שקלאפען־גרופּע איז געווען בע דייטענד. די גאנצע געזעלשאפט איז געווען צוטיילט אין הערען, וועלכע האָבען געהאט כל־טוב און שקלאפען, וועלכע זיינען געווען דאָס אייגענטהום פון די הערען. א דאנק דעם, וואָס די שקלא־פען האָבען געשאפען אלע נויטיגע זאכען צום לעבען, האָבען די הערען זיך אָבגעגעבען מיט עולם הזה, און האָבען געשטרעבט וואָס מעהר צו געניסען. דערמיט ערקלעהרט זיך אויך, וואָס אין יענער צייט, אין דער אלטער צייט פון גריכענלאנד און רוים, האָבען זיך ענטוויקעלט די פערשיידענע סאָרטען קונסט, וועלכע פערפיינערען דאָס לעבען.

ביי דער לייב־אייגענשאפט איז דער פויער אויך אונטער־יאָכט צום פּריץ ,אָבער ניט מיט זיין גוף, נאָר מיט זיין ארבייט. יעדער דאָרף אין דער צייט פון לייב־אייגענשאפט האָט געפיהרט אן אָבגעשלאָסען לעבען און האָט ניט געהאט קיין מגע ומשא מיט די איבעריגע מענשען, וועלכע האָבען ניט געהערט צו דעם פּריץ. דער האנדעל איז געווען נאָך וועניגער ענטוויקעלט, ווי אין דער שקלאפעריי. דאָס שטאאט־לעבען איז געווען לויט דעם פּרינציפּ פון דעצענטראליזאציע. די פּריצים זיינען ביי זיך אין די דערפער געווען פאָלשטענדיגע בעלי־בתים און זיינען געווען אונטערוואָרפען דער קעניגליכער מאכט בלויז אין בעצוג צו די אנגעלעגענהייטען פון גאנצען לאנד.

די אונאבהענגיגקייט פון די פערשיידענע געמיינדעס אין דער צייט פון לייב־אייגענשאפט איז ניט געווען א סימן פון פּראָגרעס, נאָר א סימן פון ריקשריט און ניט־דערוואקסענקייט. אין א מעהר־ענטוויקעלטער ווירטשאפט זיינען די פערשיידענע טיילען ענג

פערבונדען צווישען זיך. אויך ביי פלאנצונגען און חיות זעהען מיר, אז וואס קלענער און וועניגער ענטוויקעלט עס איז דער ארגאניזם, אלץ וועניגער אבהענגיג זיינען די בעזונדערע ארגאנען איינער פון אנדערן.

מיר דארפען דא בעמערקען, אז ווען מיר זאגען, דאס די ווירטשאפט־סיסטעמען בייטען זיך, הייסט עס ניט, דאס אין א געוויסער צייט הערט מיט אמאל אויף צו עקזיסטירען איין סיסטעם און א צווייטע פערנעהמט דעם פלאץ. די גאנצע מענשליכע ענטוויקלונג בילדעט א קייט, וועלכע איז צוזאמענגעקניפט פון פערשיידענע ווירטשאפט־סיסטעמען. די סיסטעמען ענטוויקלען זיך איינס פון דעם אנדערן . אינוויינינג אין איין סיסטעם ליגען שוין די זאמען פאר׳ן צווייטען. אזוי איז צום ביישפיעל געווען א געוויסע צייט, ווען יאגד האט עקזיסטירט צוזאמען מיט לאנד־חירטשאפט, דער פאטריארך איז נאך צוזאמענגעקומען מיט דעם שקלאפען הערר א. אז. וו. ווען איין סיסטעם איז נאך אין גלאנץ זיינען נאך פאראן איבערבלייבעניסען פון א פריהערדיגען סיסטעם און עס וואקסען שוין ווארצלען פון א נייעם סיסטעם. ווען מיר טיילען יא איין די געשיכטע אין סיסטעמען איז עס נאר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל די הויפט־מעטאדען און פארמען פון ארבייט זיינען *כאראקטעריסטיש* פאר דער אדער יענער צייט. מיר ריידען בכלל נאר פון הויפט ווירטשאפט־סיסטעמען, אבער ניט פון פרטים פון אן איינציגער צייט.

אויך אין דער צייט פון פעאדאליזם, פון לייב אייגענשאפט, האבען זיך שוין אנגעפאנגען צו ענטוויקלען די שטעדט, וואו עס האבען אין אנפאנג מעהרסטענס געוואוינט די בעלי מלאכות און שפעטער די סוחרים, אבער דיזע בעלי מלאכות האבען נאך פערנומען אין בעצוג צו די דארף־איינוואוינער זעהר א קליינעם פלאץ און זיינען ניט געוועז כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט. ערשט דאן, ווען די מאכט פון פריצים האט אנגעפאנגען שוואכער צו ווערען, דער האנדעל האט זיך אנגעפאנגען שטארק צו ענטוויקלען, די פויערים האבען מאסענוויין געווארפען דעם דארף און אריבער אין שטאדט, וואס איז שפעטער געווארען דער צענטער פון עקאנאמישען לעבען און במילא אויך פון דער פאליטישער מאכט — ערשט דאן האט דער פעאדאליזם און צוזאמען מיט איהם די גאנצע נאטוראל־ווירטשאפט אויפגעהערט צו זיין דאס *כאראקטעריסטישע* ווירטשאפט סיסטעם און די סמנים פון דער סחורה ווירטשאפט זיינען געווארען אלץ מעהר און מעהר בולט.

זיבענטע לעקציע

ב) די סחורה ווירטשאפטען

מלאָכה און איהרע כאַראַקטעריסטישע אייגענשאפטען ; די אינדיווידואַליטעט פון בעל מלאכה שפּיגעלט זיך אָב אויף זיין פּראָדוקט ; מאנופאקטור און איהרע אייגענשאפטען ; די ענטשטעהונג פון מאנופאקטור ; די מעלות פון מאַנופאַקטור קעגען מלאָכה ; די פאַבריק און איהרע אייגענשאַפטען ; די בעדייטונג פון דער מאַשין ; די אַרביוטס צוטיילונג צווישען מאַשינען ; דער קאָלעקטיווער כאַראַקטער פון די מאַשינען־פּראָדוקטען ; די ווירקונג פון דער מאַשין אויפ'ן אַרבייטער ; די סאָציאַלע לאַגע פון אַרבייטער ביי דער מלאכה, מאַנופאקטור און פאַבריק ; דעצענטראליזאַציע און צענטראַליזאַציע ביי דעם פאַבריק סיסטעם.

אויף דער ערשטער שטופע פון די סחורה־ווירטשאפטען האָט אין די שטעדט געהערשט די מלאכה.

אונטער מלאכה פערשטעהט מען אזא סאָרט אונטערנעהמונג, וואו דער אונטערנעהמער אליין ארבייט מיט אייגענע אינסטרומענטען. ער איז דער אייגענטימער פון זיין וואַרשטאַט. די אינסטרומענטען ווערען געבראַכט אין בעוועגונג מיט דעם בעל מלאכה'ס הענד. די אַרבייט ווערט געמאַכט אויף בעשטעלונג און ניט אין פאָרראַט. געדונגענע אַרבייטער זיינען ביים בעל מלאכה וועניג. מייסטענס זיינען די ארבייטער די אייגענע הויזמענשען — די קינדער. די לעהרען צייט פון בעל מלאכה דויערט איינינע יאָהר און יעדער פועל ווערט, געוועהנליך, שפּעטער אַליין אַ בעל מלאכה. די אינסטרומענטען, דער שאַפּ, קאָסטען ניט טייער און יעדערער קען אָנקלייבען געלד דאָס צו קויפען. די אַרבייט פון בעל מלאכה איז מעהר אָדער וועניגער קאָמפּליצירט. די אַרבייט איז ניט צוטיילט און דער בעל מלאכה מוז אויסאַרבייטען דעם גאַנצען פּראָדוקט. די פעהיגקייטען פון בעל מלאכה שפּיגלען זיך אָב אויפ'ן פּראָדוקט. איז ער אַ גוטער בעל מלאכה מאַכט ער אַ גוטען פּראָדוקט, איז ער אַ שלעכטער בעל מלאכה — אַ שלעכטען פּראָדוקט. דער פּראָדוקט טראָגט אויף זיך דעם זיגעל פון זיין שעפער. ראובן דעם שוסטערס שטיוועל זיינען ניט אין גאַנצען גלייך צו שמעון דעם שוסטערס. לוי דעם שניידערס אַרבייט איז ניט אין גאַנצען עהנליך צו יהודה דעם שניידערס. די אַרבייט

האט אין זיך א געוויסע אינדיווידואליטעט, זי איז די פערקערפע־רונג פון דעם אדער יענעם א י ך.

שפעטער האט זיך ענטוויקעלט די מ א נ ו פ א ק ט ו ר.

די מאנופאקטור דיענט אלס איבערגאנג פון מלאכה צו דער פאבריק. זי האט אין זיך געמיינשאפטליכעס מיט דער מלאכה דערין, וואס ביי איהר ווערען אויך בענוצט אזוינע אינסטרומענ־טען, וועלכע ווערען געבראכט אין בעוועגונג דורך דעם ארביי־טערס האנד. די ארבייט איז אויך אבהענגיג פון דעם ארביי־טער'ס כח און געשיקטקייט. אבער בעת ביי דער מלאכה ווערען די פראדוקטען געמאכט אויף בעשטעלונג, איינציגוויז און אין א קליינעם מאסשטאב, ווערען זיי ביי מאנופאקטור שוין אויס־געארבייט מאסענווייז פאר'ן מארק. אויך די ארבייט־צוטיילונג איז ביי דער מאנופאקטור בעדייטענד ענטוויקעלט. אין דער מאנטעל־מאכער אינדוסטרי (קלאוק אינדוסטרי) זיינען מאנכע פא־כען כאראקטעריסטיש פאר מאנופאקטור, ווי צ. ב. די בלוזען און קליידער־מאכער (ליידיעס ווייסטס און דרעס־מייקער).

די מאנופאקטור האט זיך ענטוויקעלט, ערשטענס, דורך דעם, וואס מאנכע זאכען פאדערען בטבע די פעראייניגונג פון פערשיי־דענע זעלבסטשטענדיגע בעלי מלאכות, ווי צ. ב. די פראדוקציע פון עקיפאזשען. זיי ווערען לכתחילה אויסגעארבייט דורך דער פעראייניגונג פון זעלבסטשטענדיגע שניידער, זעטלער, קופער־שמידען, אייזען שמידען און סטאליארעס. עס איז זעלבסטפער־שטענדליך, אז דער אויסארבייטער פון עקיפאזשען האט געמוזט דיזע אלע זעלבסטשטענדיגע בעלי מלאכות פעראייניגען אין איין הויז. און דאס איז שוין א מאנופאקטור.

צווייטענס, איז די מאנופעקטור ענטשטאנען א דאנק דעם ענטוויקעלטען מארק, וואו עס איז געווארען א גרויסע נאכפראגע אויף פראדוקטען.

א בעל מלאכה ארבייט, ווי געזאגט, אויף בעשטעלונג. דער־צו דארף ער ניט האבען קיין גרויסען קאפיטאל. ווען איינער בע־שטעלט זיך א פאר שיך, קויפט דער שוסטער די לעדער, מאכט פארטיג, ברענגט אב און בעקומט דאס געלד, מיט וועלכע ער קען קויפען לעדער פאר א צווייטען קונד. ווען מען האט אבער אנ־געפאנגען, לאמיר זאגען, צו פאדערען שיך פון אן אנדער שטאדט, און ניט איין פאר, נאר א סך פאר מיט אמאל, דאן איז אן ארעמער

שוסטער שוין ניט געוועןאימשטאנד דאָס צו טהאָן. ערשטענס האָט ער זיך איבערהויפּט ניט געקענט אָבגעבען צו מסחר. ער האָט ניט געהאַט קיין צייט און ניט קיין קענטנים דערצו. עס האָבען געמוזט זיין ספּעציעלע סוחרים דערפאַר. צווייטענס האָט ער ניט געהאַט אַזויפיעל געלד צו קויפען לעדער און איז אויך ניט געוועןאימשטאַנד אויסצואַרבייטען אַזויפיעל שיך, וויפיעל דער מארק האָט געפאָדערט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ מענש מיט געלד, און דערצו האָט ער בעדארפט זיין אַ שטיקעל סוחר, וועלכער גיט זיך ספּעציעל אָב מיט פערקויפען סחורות. אַזאַ סאָרט מענש האָט זיך גלייך איינגעפונען. דער אונטערנעהמער, וואָס האָט געקענט פערווענדען שיך אויפ'ן מארק, האָט אַליין גע־קויפט לעדער און אַנדערע רויהע מאַטעריאַל און האָט עס אין אָנ־פאנג אָבגעגעבען מאכען צו די שוסטערס אין דער היים. ער האָט געהאַט דערפון אַ סך נוצען. ערשטענס, דורך דעם, וואָס ער האָט געקויפט אַ סך רויהע מאַטעריאַל מיט אַמאָל, האָט איהם גע־קאָסט ביליגער; צווייטענס, דערמיט, וואָס ער האָט דעם בעל מלאכה געגעבען אַ סך ארבייט — האָט ער, דער בעל מלאכה, איהם גערעכענט ביליגער, ווי אַ צופעליגען בעשטעלער. שפּעטער האָט דער אונטערנעהמער זיך מישב געוועןאַז עס לוינט איהם לחלוטין ניט, אַז זיינע סחורות זאָלען אויסגעאַרבייט ווערען אָהן זיין השגחה ביי יעדען בעל מלאכה אין דער היים. עס לוינט איהם בעסער אריינצונעהמען די אַלע בעלי מלאכות אין איין הויז, זיי זאָלען ארביטען טאקע מיט זייערע אייגענע געצייג, אָבער אונטער זיין אויג. דאָס וועט איהם קאָסטען ביליגער, — האָט ער זיך גערעכענט. ערשטענס, וועלען די בעלי בלאכות בעסער ארביי־טען, צווייטענס וועט קאָסטען וועניגער בעלייכטונג און בעהייצונג. אויף דירה געלד פאַר די וואַרשטאַטען וועט זיין וועניגער. ווי מיר האָבען שוין איינמאָל געזאָגט, קאָסט אַ סך ביליגער איין גרויסע דירה פאַר 20 בעלי מלאכות, איידער 20 קליינע דירות פאַר 20 בעזונדערע בעלי מלאָכות, אגב וועלען די בעלי מלאָכות ניט האָבען קיין שליטה אויף די יתור, די שטיקלעך און ברעקלעך, וועלכע בלייבען נאָך פון יעדער סחורה. כך הוה, ער האָט אויפגעהערט די בעלי מלאָכות צו געבען ארבייט אהיים און דיזע ווילענדיג, ניט ווילענדיג זיינען ענד־ליך געוועןגעצוואונגען צו געהן ארבייטען ביי יענעם, ביים געלדגע־

בער און אייגענטימער.*) דאָס איז שוין געווען אַ מאַנופאַקטור מיט אַלע פּיטשעווקעס.

אין אָנפאַנג, ווי מיר זעהען, בעשטעהט דערהויפּט אונטער־שייד צווישען מאַנופאַקטור און מלאכה אין דער גרויס פון דער אונטערנעהמונג, וואָס פאָדערט ספּעציעלע מענשען און ספּעציעלע קאַפּיטאַלען. שפּעטער אָבער האָט זיך אין דער מאַנופאַקטור, וואָס איז לכתחילה אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער נויטווענדיגקייט אין אַ מאַסען פּראָדוקציע, שטאַרק ענטוויקעלט די אַרבייט־צו־טיילונג.

ווען אַ סך אַרבייטער אַרבייטען צוזאַמען ווייזט זיך גלייך אַרויס ו ו ע ר פון די אַרבייטער — אין דער שניידער אינ־דוסטרי למשל — איז מעהר פעהיג צו זיין אַ צושניידער; ווער אַ שטעפּער; ווער אַ פּעטעלקע מאַכער א. א. וו. אַ בעל מלאכה אַליין מוז מאַכען אַלע אַרבייטען, דעם גאַנצען פּראָדוקט פון אָנ־פאַנג ביז'ן סוף, אָבער ווען אַ סך בעלי מלאכות זיינען צוזאַמען קען ווערען אויסגעפיהרט, אַז יעדערער זאָל טהאָן די אַרבייט, צו וועלכער ער איז מעהר פעהיג, בפרט נאָך, אַז דאָס וועט געבען בעסערע רעזולטאַטען. דער אונטערנעהמער פון דער מאַנופאַק־טור האָט דאָס גלייך איינגעזעהן און האָט איינגעפיהרט די אַרבייט־צוטיילונג. דיזע אַרבייט־צוטיילונג האָט געפיהרט דערצו, אַז די אינסטרומענטען זאָלען ספּעציאַליזירט און פערפאָלקאָמט ווערען. ביי אַ בעל מלאכה האָט איין און דערזעלבער אינסטרומענט גע־דאַרפט דיענען אי ביים צושניידען, אי ביים שטעפּען, אי ביי אַנ־דערע אַרבייטען. ביי מאַנופאַקטור האָבען די צושניידער געהאַט זייערע ספּעציעלע אינסטרומענטען; די שטעפּער — זייערע און די פּעטעלקע־מאַכער — זייערע. אַלעס האָט זיך צוטיילט און ספּעציאַליזירט. די פּראָדוקציעס, וועלכע האָבען אויסגעאַרבייט אינסטרומענטען, האָבען זיך בעמיהט צו מאַכען פאַר יעדען סאָרט אַרבייט אַ ספּעציעלען אינסטרומענט.

די ענטוויקעלטע אַרבייט־צוטיילונג איז געווען אַ נאַטירליכער רעזולטאַט פון דער מאַנופאַקטור און האָט טאַקי דערגרייכט אַ־ן מאַ־נופאַקטור פעריאָד אַ גרויסע מדרגה.

---

*) נאָר דאָרטען, וואו די היים אַרבייט איז בעזונדערס עקספּלואַטירט געוואָרען, ווי ביי דעם „סוועטינג סיסטעם“, האָט דעם אונטערנעהמער ניט געלוינט אַריינצונעהמען די אַרבייטער ביי זיך אין אַ ספּעציעלען פּלאַץ. ער האָט בעסער אַרויסגעגעבען די אַרבייט אַהיים.

די פאַבריק איז דאָס דריטע מעהר פערפאָלקאָמטע סיסטעם פון דער טויש אָדער סחורה ווירטשאַפט.

די פאַבריק אַלס אַ גרויסער בעטריב האָט אין זיך אַלע מעלות פון דער מאַנופאַקטור, אָבער צייכענט זיך נאָך אויס דערמיט, וואָס אין איהר ווערט אָנגעווענדעט די מאַשין. די מאַשין איז אַ קאָמבינאַציע פון פיעלע איינפאַכע אינסטרומענטען, וועלכע זיינען פערבונדען דורך אַ געוויסע מעכאַנישע קראַפט. די מעכאַנישע קראַפט ברענגט אין בעוועגונג די אינסטרומענטען און ניט דער אַרבייטער, ווי ביי מלאכה אָדער ביי מאַנופאַקטור.

אַ דאַנק דער אָנווענדונג פון דער מאַשין קען מען דורך איין און דערזעלבער מאָס אַרבייט־קראַפט בעשאַפען מעהר פּראָדוקטען, ווי ביי דער מלאכה אָדער אפילו ביי דער מאַנופאַקטור. די אַרבייט מיט געוועהנליכע אינסטרומענטען איז בעשרענקט. די געוועהנליכע אינסטרומענטען מוזען שטענדיג האָבען ביי זיך אַ מענש, וועלכער קען ניט רעגירען מיט אַ סך אינסטרומענטען אויף איין מאָל. קיין מענש קען, אַ שטייגער, ניט שפּינען אויף צוויי שפּינדלעך, אָדער שטריקען מיט אַמאָל צוויי זאָקען. די מאַשין אָבער איז ניט אַזוי אָבהענגיג פון דער מענשליכער קראַפט. די מאַשין קען פעראייניגען אַ סך אינסטרומענטען און אַרבייטען מיט זיי אויף אַמאָל. אַ דאַנק דער מאַשין קען איינער וועבען מיט אַ סך וועבשטוהלען, שפּינען מיט אַ סך שפּינדלעך און שטריקען אַ סך זאָקען מיט אַמאָל. די רעזולטאַטען פון דער אַרבייט ווענדען זיך ניט פון דעם מענשען, וועלכער רעגירט מיט דער מאַשין, נור פון דער מאַשין'ס מעכאַניזם. וואָס בעסער און קאָמפּליצירטער די מאַשין — אַלץ מעהר אַרבייט, וואָס איינפאַכער די מאַשין — אַלץ וועניגער אַרבייט. און אַזוי ווי דער מעכאַניזם פון דער מאַשין קען פערבעסערט און פערגרעסערט ווערען ביז דער אונענדליכקייט, טאָ קען ממילא אויך אָהן אַ סוף פערגרעסערט ווערען די פרוכטבאַרקייט פון דער אַרבייט. די טעכניק איז איצט שוין אַזוי ענטוויקעלט, אַז פיעלע מאַשינען זיינען פעראייניגט צוזאַמען און יעדע מאַשין טהוט מעכאַניש נאָר אַ געוויסע אַרבייט. עס איז אין דער פאַבריק, בכן, פאַראַן אַן אַרבייט־צוטיילונג צווישען די מאַשינען אַזוי ווי צווישען מענשען אין דער מאַנופאַקטור. אין די גרויסע דרוקערייען איז דאָס לייכט צו זעהן. איין מאַשין דרוקט און אַ צווייטע מאַשין וויקעלט די ציימונג. אָט די ביידע מאַשינען זיינען פעראייניגט מעכאַניש און עס איז נאָר גענוג איין

מענש (דער מאשיניסט) ביי דער ערשטער מאשין. די צווייטע מאשין בעקומט פון דער ערשטער די צייטונג אויף א מעכאנישען אופן אָהן דער הילף פון א מענש.

ביי דער מאנופאקטור שפּילען די פעהיגקייטען פון מענשען, זיין אינדיווידואליטעט, א געוויסע ראָלע. ביי דעם פאבריק־סיסטעם שפּיעלט א ראָלע ניט די פעהיגקייט פון מענשען, ניט זיינע נייגונגען און פערלאנגען, נאָר זיין ארבייט־קראפט, זיין כח. די מ ע כ א נ י ש ע מאשינען, און ניט די אינדיווידואליטעט פון ארבייטער, שפּיעלען די ראָלע אין דער פאבריק.

ביי דער פאבריק פערלירט דער ארבייטער אין גאנצען זיין פּערזענליכקייט, זיין אינדיווידואליטעט אויך דורך דעם, וואָס די מאשין ענטוויקעלט די ארבייט־צוטיילונג, וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען אין דער מאנופאקטור, ביז דער העכסטער מדרגה. די אויסארבייטונג פון א פּראָדוקט ווערט צוטיילט אויף פיעלע פיעלע איינפאכע ארבייט־פּראָצעסען, און יעדער ארבייטער האָט נאָר צו ערפילען איין ארבייט־פּראָצעס, צו וועלכען מען דארף אפילו דעם קאָפּ ניט צולייגען. ה ע נ ד פאָדערט די מאשין, אָבער ניט מ ע נ ש ע ן, וועלכע דענקען, וועלכע האָבען פעהיגקייטען. ביי דער פאבריק־סיסטעם איז דער מענש געוואָרען ערנידריגט ביז דער מדרגה פון א מעכאנישער ווערקצייג. ער איז געוואָרען א שרויף, א צוואַק פון דער מאשין. אין דער צייט, ווען ביי דער מלאכה — אין א געוויסער מאָס אויך ביי דער מאנופאקטור — איז דער פּראָדוקט אָבהענגיג פון דעם בעל מלאכה'ס פעהיגקייטען, פון זיין אינדיווידואליטעט איז ביי דער פאבריק דער פּראָדוקט אָבהענגיג פון דער מ א ש י ן. דער פאַרטיגער פּראָדוקט טראָגט ניט דעם שטעמפּעל פון ראובן'ן אָדער שמעון'ן, ווי ביי דער מלאכה. דער ארבייטער אין א שוך פאבריק אין מאַסאטשוזעטס וועט אליין אייך שווער זאָגען, ווען איהר וועט איהם ווייזען א פארטיגע שוך, אויב ער האָט דערביי געארבייט אָדער ניט. דער פּראָדוקט איז ניט א רעזולטאט פון דעם'ס אָהער־יענעם'ס ארבייט, נאָר פון מאסען־ארבייט, פון קאָלעקטיווער ארבייט.

אויך די סאָציאַלע לאַגע פון ארבייטער ווערט אַלץ ערגער, וואָס מעהר די פאבריק ענטוויקעלט זיך. דער בעל מלאכה איז א זעלבסטשטענדיגער מענש, ער האָט זיך זיין שאפּ, זיינע אינסטרומענטען און טיילמאָל אויך דאָס רויה מאטעריאל, וואָס איהם

איז נויטיג; דער אַרבייטער אין אַ מאַנופאַקטור האָט שוין ניט קיין וואַשטאַט, קיין רויה־מאַטעריאַל, אָבער ער האָט נאָך זיינע אייגענע אינסטרומענטען; דער פאַבריק אַרבייטער האָט שוין גאָר ניט, אַ חוץ זיין אַרבייט־קראַפט.

ביי אַ פאַבריק סיסטעם בעמערקען מיר צוויי־ערליי טענדענצען, ריכטונגען. פון איין זייט ווערט די אַרבייט אַזוי צוטיילט, צופּיצעלט, דאָס דער אַרבייטער ערפילט נאָר אַ פּראָסטע איינפאַכע מעכאַנישע אַרבייט, וואו ער דאַרף אפילו זיין קאָפּ ניט צולייגען. ער ווערט ערנידריגט צו דער מדרגה פון אַ לעבעדיגער ווערקצייג; פון דער אַנדערער זייט ווערט די גאַנצע אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע פון אַרבייט, די פערוואַלטונג אַלץ מעהר פערוויקעלט, מעהר קאָמפּליצירט און איז פיעל שווערער, פאָדערט מעהר שכל און אונטערנעהמונגס גייסט, ווי ביי מאַנופאַקטור און מלאָכה.

די פאַבריק איז אַ מעהר ענטוויקעלטער אינדוסטריעלער אָרגאַניזם, וואו די פערשיידענע טיילען פערלירען זייער זעלבסטשטענדיגקייט און ווערען אַלץ מעהר און מעהר אָבהענגיג פון׳ם צענטר, פון דער אָרגאַניזירענדער מאַכט. ביי דער מלאכה און מאַנופאַקטור זיינען די אַרבייטער צווישען זיך ניט אַזוי פערבונדען, ניט אַזוי אָבהענגיג און ווען ביי אייניגע געהט די אַרבייט ניט אַזוי גוט, קענען דאָך די איבעריגע אַרבייטער פאָרטזעצען זייער בעשעפטיגונג און דער גאַנצער געשעפט דאַרף ניט אָבגעשטעלט ווערען. ווען דער שטעפּער, למשל, איז קראַנק קען פון דעסטוועגען דער צושניידער זיין אַרבייט פאָרטזעצען. דאָסזעלבע אויך פערקעהרט. אין אַ פאַבריק איז איין גרופּע אַרבייטער אָבהענגיג פון אַנאַנדער גרופּע. יעדע גרופּע בילדעט אין׳ם פאַבריק מעכאַניזם אַ נויטווענדיגען שרויף און ווען איין שרויף שטעלט זיך אָב — מוז דערפון ליידען דער גאַנצער מעכאַניזם.

אַ צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע און דעצענטראַליזירטע אַרבייט — אָט דאָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע סמנים פון אַ פאַבריק סיסטעם.

אַזוי ווי ביי די נאַטוראַלווירטשאַפטען, זיינען אויך די דריי שטופען פון ענטוויקלונג — מלאכה, מאַנופאַקטור און פאַבריק — ביי דער טויש און סחורה־ווירטשאַפט ניט שאַרף אָבגעגרענעצט איינע פון דער אַנדערער. אין איין און דערזעלבער צייט און זאָגאָר אָרט טרעפען מיר זיי אָפט איינע נעבען דער אַנדערער. בעלי מלאכות טרעפען מיר אָפט אין דער צייט, ווען עס הערשט מאַנו־

פאקטור. די לעצטע קען נאך ווירקען, ווען אפילו די פראדוקטען ווערען געשאפען לויט א פאבריק סיסטעם. בכלל אבער, אין גרויסען און גאנצען, ווערט געוועהנליך יעדע צייט כאראקטערי־זירט דורך א געווייסער ארט פראדוקציע, וואס איז די הערשענדע — דאס הייסט דער הויפט מיטעל, ווי צו פראָ־דוצירען די נויטיגע פראדוקטען.

אין היינטיגער צייט איז די הערשענדע פארם פון פראדוקציע דאס פאבריק סיסטעם. די פאבריק דריקט ארויף איהר שטעמפעל אויף אלע צווייגען פון אונזער לעבען. זי איז דער מקור, די קוועלע פון דער מענשליכער חיונה. אהן בעלי מלאכות קענען מיר נאך ווי עס איז אויסקומען; אהן פאבריקען — ניט. אויב עס זאלען היינט אלע פאבריקען אויפהערען צו געהן, וועלען אלע אונזערע בעדערפניסען בלייבען ניט צופרידענגעשטעלט. מיר מוזען היינט האבען אזא ארט פראדוקציע, וואו עס זאל זיין מעגליך אויסצואַרבייטען א סך פראדוקטען מיט אמאל. מיר נויטיגען זיך אין א מאסען פראדוקציע, ווייל מיר האבען א מאסען פער־ברויך.

אין דער גאנצער פאלקס־ווירטשאפט הערשט, ווי בעוואוסט, דער עקאנאמישער פרינציפ: „זעה צו עררייכען דעם גרעסטען נוץ ביי די קלענסטע אויסגאבען פון ארבייט און קאפי־טאל“. דער דאזיגער פרינציפ צו זיין שפארעווודיג אין הוצאות און צו זעהן צו בעקומען מעהר הכנסה, קען אם בעסטען דורכגע־פיהרט ווערען דורך א פאבריק.

די גרויס קאפיטאליסטישע פראדוקציע, וואו די רויהע מאטע־ריאלען, ווערקצייג, קויהלען און ארבייט־קראפט ווערען פערברויכט אויף א גרויסען מאסשטאב, איז ענג פערבונדען מיט דער פאבריק. אהן א פאבריק סיסטעם זיינען אונמעגליך גרויס־קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען.

דער גרויס־קאפיטאליזם רעכענט זיין געבורט צייט פון סוף 18טען יאהרהונדערט. אין יאהר 1764 האט אוואט ערפונדען די ערשטע דאמפף מאשין. עטוואס שפעטער האט ארקראוט ענטדעקט די ערשטע וועב־מאשין. ביז יענער צייט האט מען געוועבט אויף איינפאכע וועבשטוהלען. אין יאהר 1785 האט מען שוין אוואט'ס דאמפף־מאשין אנגעפאנגען צו פער־ווענדען אין די וועבערייען, וואו מען האט געארבייט מיט אר־קראוט'ס מאשינען. די דאזיגע מאשינען האבען ארויסגערופען די

אינדוסטריעלע איבערקעהרענים, די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע און זיינען געווען דער אָנפאַנג פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אונטער־נעהמונגען.

אַ דאַנק דעם מאַשינען־סיסטעם, וואָס ווערט אָנגעפיהרט מיט דער הילף פון דאַמפּף און עלקעטריציטעט, איז דער גרויס־קאַפּי־טאַל אַלץ מעהר און מעהר געוואַקסען און איז געוואָרען דער הער־שער אין אונזער לעבען.

8־טע לעקציע.

די לעהרע פון צירקולאציע אדער פון פונאנדערטיילונג

די נויטוועגדיגקייט פון האַנדעל; דער מאַרק און זיין בעדייטונג; די געזעצען פון מאַרק; דער ווערטה פון די סחורות; פערשיידענע ווערטה טעאָריען; סוביעקטיווע און אביעקטיווע שיטות; דער געברויך ווערטה און דער טויש ווערטה פון אַ סחורה; די בעגרינדונג פון דער נוצען־טעאָריע; איהר ניט אויסגעהאלטענקייט; די אַרבייטס־טעאָריע פון אדאַם סמיטה; דוד ריקארדאָ'ס בעגרינדונג פון דער אַרבייטס טעאָריע; דער פּרייז פון די סחורות; אָנגעבאָט און נאָכפראַגע; די בעציהונגען צווישען ווערטה און פּרייז.

נאָך דעם ווי מיר האָבען אַרומגערעדט די פערשיידענע בע־דינגונגען פון דער פּראָדוקציע, וועלען מיר איצט איבערגעהן צו דער לעהרע פון דער צירקולאַציע.

מיר לעבען היינט אין אַ סחורה־געזעלשאַפט. ווי מיר ווייסען שוין אונטערשיידעט זיך די סחורה־געזעלשאַפט פון די פריהערדיגע נאַטוראַל־געזעלשאַפטען, ערשטענס, דורך דעם, וואָס די פּראָדוקטען ווערען ניט געשאַפען פאַר'ן אייגענעם געברויך. יעדערער בעשאַפט נאָר א י י ן סאָרט פּראָדוקטען (אין דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט נאָר אַ ט י י ל פון פּראָדוקט) פון יענער גרויסער צאָהל פ ע ר ש י י ד ע נ ע סאָרטען, וועלכע זיינען נויטיג צום לעבען און, צווייטענס, דורך דעם, וואָס ס'איז ניט פאַראַן אַ געוויסער ווילען פון אַן אָרגאַניזאַטאָר, פון אַ מין ראש הקהל, וועלכער זאָל איינטיילען יעדערען די נויטיגע פּראָדוקטען.

אום פאָרט צו בעקומען די פערשיידענע לעבענס־מיטלען צו בעפרידיגען די בעדערפניסען, מוז יעדערער מסחר'ן, האַנדלען, אויסבייטען זיינע פּראָדוקטען, וועלכע זיינען איהם, פאַר זיך, צום אייגענעם געברויך, ניט נויטיג, אויף אַנדערע סאָרטען, וועלכע דער פערקויפער ווידער קען פאַר זיך ניט געברויכען. און טאַקע דורך אָט דעם בייט, טויש, ווערען פערטיילט, צירקולירט די פּראָדוקטען, וואָס די גאַנצע געזעלשאַפט שאַפט צווישען די איינציגע מיט־גליעדער.

די קראַפט, וועלכע אָרגאַניזירט דעם טויש, די צירקולאַציע פון די פּראָדוקטען, איז דער מ א ר ק.

א מארק ווערט געוועהנליך אָנגערופען דער פּלאַץ, וואו מען קויפט און מען פערקויפט סחורות. אין פאָליטישער עקאָנאָמיע פערשטעהט מען אונטער'ן וואָרט מארק — די סומע פון קויפער און פערקויפער, וועלכע בייטען צווישען זיך אויס — קויפען און פערקויפען — די סחורות.

דער מארק שפּיעלט אין דער סחורה־ווירטשאַפט דיזעלביגע ראָלע, וועלכע דער שקלאַפען־הערר, דער פּאַטריאַרך פון שבט און דער פעאָדאַל האָבען געשפּיעלט אין די נאַטוראַל־ווירטשאַפטען. דער מארק רעגולירט די צירקולאַציע פון די פּראָדוקטען, אזוי ווי דער פּאַרצייטיגער אָרגאַניזאַטאָר פון שבט. אויפ'ן מארק בעקומט, למשל, דער פּארמער פאר די תבואות, וואָס ער האָט מעהר, וויפיעל ער האָט נויטיג פאר זיין אייגענעם בעדאַרף, קליידער, שיך, כלים, געצייג א. א. וו. דער שוסטער בעקומט פאר שטיוועל, וואָס ער האָט גענעהט ניט פאר זיך, מעהל, ברויט, קליידער, א דירה א. א. וו. דאָס גלייכען דער שניידער, דער בעקער, דער בוימייסטער. מען בעשאַפט פּראָדוקטען לכתחילה פאר'ן פערקויף און אויפ'ן מארק ווערט דאָס דיזער מסחר דורכגעפיהרט. און צום סוף, נאָך דעם, ווי אויפ'ן מארק זיינען שוין געטהאָן געוואָרען די פערשיידענע מסחרים; נאָך דעם, ווי אַלע האָבען געהאַנדעלט צווישען זיך, געטוישט, געצירקולירט די פערשיידענע סחורות, — קומט אויס, אז, בכלל, האָט יעדערער בעקומען אַלץ וואָס איהם איז נויטיג. דער שניידער האָט ניט נאָר קליידער, נאָר אויך שטיוועל, א דירה, מעהל, ברויט; דער בעקער האָט ניט נאָר ברויט, נאָר אויך קליידער, א דירה, ווייץ, שטיוועל; דער שוסטער האָט ניט נאָר שטיוועל, נאָר אויך א דירה, ברויט, בעלייכטונג, קליידער א. א. וו.

דער מארק איז דאָך אָבער א בלינדע קראַפט, ער ווערט דאָך פון קיינעם ניט קאָנטראָלירט און אויפגעפּאַסט, ווי אזוי איז דאָס מעגליך, אז ער זאָל קענען רעגולירען די צירקולאַציע פון די פּראָדוקטען? דער תירוץ איז, אז די ערשיינונגען פון מארק זיינען ניט צופעליג, נאָר זיי ווערען רעגירט ד ו ר ך ג ע ו ו י ס ע ג ע ז ע צ ע ן. דיזע געזעצען רעגולירען דעם טויש און מאַכען, אז פערשיידענע מענשען, ארבייטענדיג ביי איין פּראָדוקט, זאָלען קענען בעקומען אַלע פּראָדוקטען, וואָס זיי איז נויטיג. דיזע

גנזעצען בעשטימען, וויפיעל מענשען עס זאָלען זיך אָבגעבען מיט שניידעריי, וויפיעל מיט שוסטעריי, וויפיעל מיט אַנדערע מלאכות. זיי בעשטימען אויך, וויפיעל מען זאָל בעקומען פאַר איין פּראָדוקט און וויפיעל פאַר אַ צווייטען פּראָדוקט. **אַט די געזעצען בעשטימען דעם ווערטה פון די סחורות.**

די פראַגע איבער דעם ווערטה פון די סחורות איז איינע פון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט. פיעלע טעאָריעס זיינען געבויט געוואָרען; פיעלע דיקע ביכער זיינען וועגען דעם געשריבען געוואָרען און מיר מוזען מודה זיין, אַז נאָך עד היום הערשען גרויסע חלוקי דעות אין דער ווערטה טעאָריע.

ווי אַזוי ווערט בעשטימט דער ווערטה פון די סחורות? אין פלוג ווייזט אויס, אַז די סוחרים, וועלכע האַנדלען מיט דער סחורה, בעשטימען דעם ווערטה, אַז דאָס ווענדט זיך נאָר אָן זיי אַליין.

אַז די דאָזיגע מיינונג איז פאַלש, קען מען זיך לייכט איבערצייגען. מיר ווייסען גאַנץ גוט, אַ יעדע סחורה האָט אין פערשיידענע ערטער און אין פערשיידענע צייטען אַ גאַנץ אַנדער ווערטה. איין אייל טוך, למשל, קאָסט אין אַמעריקא ביליגער ווי אין רוסלאַנד. אין רוסלאַנד גופא ווידער האָט אַן אייל טוך געקאָסט מיט 40-50 יאָהר צוריק טייערער ווי איצט. אויב די אָבשאַצונג פון די סחורות זאָל זיך ווענדען נאָר אָן די סוחרים, טאָ ווי קומט עס, אַז גראַד אין אַמעריקא אָדער אין ענגלאַנד קאָסט ביליגער, ווי אין רוסלאַנד? אמת טאַקי, די אַמעריקאַנער סוחרים זיינען גרויסע בריה'ס און האַנדלען בעסער ווי די רוסישע, אָבער ווי קומט עס, אַז גראַד אין אַמעריקא זיינען אַלע חכמים און אין רוסלאַנד — נאַראָנים? אמת, דעם אַמעריקאַנער סוחר קאָסט דאָס רויהע מאַטעריאַל און די מאַשינען ביליגער. אָבער אַלץ קשה: פאַר וואָס קויפט ער טאַק יאַיין ביליגער, ווי דער רוסישער סוחר?

עס איז קלאָהר, ווי דער טאָג, אַז ניט דער סוחר, אָדער פאַבריקאַנט בעשטימט דעם ווערטה, נאָר אַז דער ווערטה פון אַ זאַך ווערט בעשטימט אָהן זייער הסכמה, און אַז זיי, די בעלי בתים פון דער סחורה, זיינען געצוואונגען צו האַנדלען לויט דעם ווערטה, וואָס ליגט ערגעץ-וואו אינעווייניג אין דער סחורה גופא, וואו דער אייגענטימער האָט קיין שליטה ניט.

ווי אַזוי קומט דער ווערטה? ווי ווערט ער בעשאַפען? בכלל קען מען די פערשיידענע מיינונגען, וועלכע הערשען אי־

בער דעם ווערטה פון די סחורות, קלאַסיפיצירען אין צוויי הויפּט־שיטות: 1) די סוביעקטיווע שיטה און 2) די אָביעקטיווע שיטה.

ביידע שיטות זיינען קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטען און געהען ארויס פון דעם אַנאַליז, פון דער אונטערזוכונג, וואָס מען האָט געמאַכט ביי די סחורות.

וועלכע אייגענשאַפטען דאַרף האָבען אַ סחורה, אום זי זאָל קענען פערקויפט און אויסגעביטען ווערען אויף אַן אַנדער זאַך?

ערשטענס, זעהען מיר, אז יעדע סחורה, אויסער איהרע פּיזישע, כעמישע און מעכאַנישע אייגענשאַפטען, וואָס קומען איצט ניט אין אַנבעטראַכט, מוז זיין נוצליך; זי מוז האָבען די אייגענשאַפט צופרידענצושטעלען אַ געוויסע בעדערפניס. שטיוועל, צ. ב., בעפרידיגען די בעדערפניס ניט צו געהן באָרוועס, טוך — ניט צו געהן נאַקעט א. א. וו. אָהן אַזאַ אייגענשאַפט קען קיין סחורה איבערהויפּט ניט זיין. ווען אַ פּראָדוקט זאָל ניט זיין ניצליך, וועט קיינער איהם אפילו אין האַנד ניט וועלען נעהמען און ווער רעדט נאָך צו געבען אַן אַנדער זאַך דערפאַר.

צווייטענס, זעהען מיר, אז יעדע סחורה איז בעשאַפען דורך מענשליכער אַרבייט. סחורות, וואָס זאָלען ניט ענטהאַלטען מענשליכע אַרבייט, זיינען במציאות ניטאָ.

די דאָזיגע צוויי אייגענשאַפטען — די נוצליכקייט און די מענשליכע אַרבייט*) — געפינען מיר, ווען מיר אַנאַליזירען יעדע סחורה, יעדען פּראָדוקט, וואָס האָט די אייגענשאַפט אויסגעביטען צו ווערען אויף אַן אַנדער זאַך. די נוצליכקייט פון פּראָדוקט איז אויך אַ סוביעקטיווע אייגענשאַפט, ווייל דאָס איז ניט פאַר אַלעמען גלייך. דאָס ווענדט זיך אָן יעדען סוביעקט. פאַר איינעם קען די זאַך האָבען אַ גרעסערען נוצען, פאַר'ן צווייטען אַ קלענערען נוצען. נעהמט, צ. ב., קליידער. אַ נאַקעטער וועט זיי מעהר אין זיי נויטיגען און זיי וועלען פאַר איהם האָבען אַ גרעסערען נוצען, ווי פאַר יענעם, וועלכער געהט ניט נאַקעט. די קוואַנטיטעט אַרבייט אָבער, וואָס איז איינגעשלאָסען אין דער סחורה, איז אַן אָביעקטיווע אייגענשאַפט. דאָס איז פאַר אַלעמען גלייך. דאָס קען ניט זיין פאַר איינעם מעהר, פאַר'ן צווייטען

*) די צוויי אייגענשאַפטען קענען אויך אָנגערופען ווערען די נאַטירליכע און געזעלשאַפטליכע זייטען פון דער סחורה.

ווענינער, דען דאָס ווענדט זיך אָן די אַלגעמיינע אָביעקטיווע בע־דינגונגען פון דער פּראָדוקציע.

דער ווערטה פון יעדער סחורה מוז, פערשטעהט זיך, אויך ארויסקומען בלויז פון אָט די אייגענשאַפטען: אָדער פון דער נוצליכקייט, אָדער פון דער מענשליכער ארבייט.

די ס ו ב י ע ק ט י וו ע שיטה בעהויפּטעט, אַז דער ווערטה שטאַמט פון דער סוביעקטיווער אייגענשאַפט, דערפון, וואָס דער פּראָדוקט האָט בכח צופרידענצושטעלען געוויסע בעדערפ־ניסען; די אָ ב י ע ק ט י וו ע שיטה בעהויפּטעט, אַז הגם יעדע סחורה מוז זיין נוצליך, אָבער איהר ווערטה ווערט בעשטימט ניט צוליעב דער נוצליכקייט, צוליעב איהר סוביעקטיווען כאַראַק־טער, נאָר צוליעב דעם, וואָס אויף איהר איז פערטהאָן מענשליכע ארבייט, צוליעב איהר אָב י ע ק ט י וו ע אייגענשאַפט.

די טעאָריען, וועלכע געהערען צו דער ערשטער שיטה, זיינען אויך בעוואוסט אונטערען נאָמען: „די נוצען טעאָריען“; צו דער צווייטער שיטה: „די ארבייטס-טעאָריען“.

די נוצליכקייט פון אַ זאַך, איהר אייגענשאַפט צו בעפרידי־גען אַ געוויסע בעדערפנים, ווערט ביי מאַנכע עקאָנאָמיסטען אָנגע־רופען דער געברויך־ווערטה, בעת אונטער'ן טויש־ווערטה פערשטעהט מען איהר פעהיגקייט אויסגעביטען צו ווערען, אָדער דעם סכום פּראָדוקטען, וואָס דאַרפען פאַר איהר געגעבען ווערען.

אַ זאַך וואָס האָט אַ טויש־ווערטה מוז שוין במילא אויך האָ־בען אַ געברויך־ווערטה, ווייל ווען די זאַך וואָלט ניט זיין נוציג, וואָלט קיינער פאַר איהר גאָר ניט געבען. דערפון איז אָבער ניט געדרונגען, אַז אויב די זאַך האָט אַ געברויך־ווערטה — מוז זי אויך האָבען אַ טויש־ווערטה. עס זיינען פאַראַן סחורות מיט אַ גרוי־סען געברויך־ווערטה אָהן אַ שום טויש־ווערטה, ווי צ. ב. ליכט, לופט, וואַסער אין טייך א. אַז. וו.

די עקאָנאָמיסטען, וועלכע האַלטען זיך ביי דער סוביעקטי־ווער אָדער נוצען טעאָריע, שטיצען זיך אויף דעם פּראָסטען שכל, דאָס יעדער מענש, שאַצט העכער דאָס, וואָס איהם איז מעהר נוצליך און נידעריגער דאָס, וואָס איהם איז ווייניגער נוצליך. איידער דער מענש געהט פערקויפען זיין סחורה — מיינען די דאָ־זיגע עקאָנאָמיסטען — ווענט ער פריהער אָב דעם שאָדען, וואָס ער וועט ווערט האָבען, פון וועלכע בעדערפניסען ער וועט זיך מוז־זען אָבזאָגען, ווען זיין סחורה וועט איבערגעהן צו אַן אַנדערען אין

רשות און, פערקעהרט, דעם נוצען, וואָס ער וועט קענען האָבען פון דעם נייעם פּראָדוקט, וועלכער קומט אין זיין רשות און ווערט זיין אייגענטום. געהט אַ בעל הבית פערקויפען זיין הויז, קומט קודם כל אריין ביי איהם אין מח דער געדאַנק, אַז אָהן דעם הויז וועט ער זיך מוזען וואַלגערען אין שכינות, ניט האָבען קיין אייגען ווינקעלע א. א. וו. פון דער אַנדער זייט אָבער שטעלט ער זיך פאָר דעם נוצען, וואָס ער וועט האָבען, בעקומענדיג דעם מזומן. פאַר דעם מזומן וועט ער קענען חתונה מאַכען אַ טאָכטער אַ בוגרות, אָדער מאַכען אַ שטיקעל עסק א. א. וו. אָט דער סוביעקטיווער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, וואָס רעכענט אויס, וועלכע בעדערפניסען עס איז וויכטיגער פאַר איהם זיי זאָלען זיין בעפרידיגט: צי די בעדערפנים אין אַן אייגען ווינקעל, צי די בעדערפנים אַ קינד חתונה צו מאַכען — אָט דער סוביעקטיווער מאָמענט רעגולירט — בעהויפּטען די אַנהענגער פון דער סוביעקטיווער שיטה — דעם ווערטה פון די סחורות.

די פראַגע איז אָבער, אויב דער ווערטה פון אַ סחורה ווערט בעשטימט בלויז לויט דעם נוצען אָבער בשום אופן ניט דורך דער ארבייט, טאָ ווי קען מען ערקלעהרען דאָס, וואָס מען שעצט ניט ליכט, לופט און וואסער, זיי זיינען דאָך געוויס נוצליכע זאַכען, פאַר וואָס האָבען זיי קיין ווערטה ניט? וואו בלייבט דער פראַסטער שכל? אויסער דעם זעהען מיר אין פּראַקטישען לעבען, אַז סחורות, וואָס בעזיצען אַ גרעסערען נוצען, בעפרידיגען וויכטיגערע מענשליכע בעדערפניסען, ווערען טיילמאָל געשעצט ווייניגער, האָבען אַ קלענערען ווערטה, ווי יענע סחורות, וועלכע זיינען פיעל ווייניגער נוצליך. גאָלד איז ווייניגער נוצליך ווי אייזען און זיין ווערטה איז פון דעסטוועגען העכער ווי פון אייזען; דער נוצען פון אַ פונט ברויט איז גרעסער ווי דער נוצען פון אַ בריליאַנט, דער ווערטה פון אַ בריליאַנט איז אָבער ניט אין ערך גרעסער, ווי דער ווערטה פון אַ פונט ברויט. ווי קען מען דאָס ערקלעהרען לויט דער נוצען־טעאָריע?

די אַנהענגער פון די נוצען טעאָריעס גיבען אַן פערשיידענע תירוצים אויף אָט די קלאָץ־קשיות, אָבער וועגען אָט די ערקלעהרונגען און הגהות, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען אין דער דאָזיגער לעהרע, וועלען מיר איצט ניט מאריך זיין, ווייל מיר האָבען וועגען דעם אויספיהרליך גערעדט אַנדערשוואו.*)

*) זעה מיין בוך: „פּאָליטישע עקאָנאָמיע איהר ענטשטעהונג און געשיכטע" זייטע 89—103. א. ש. ז.

דאָ וועלען מיר גלייך צוטרעטען צו דער ארבייטס־טעאָריע.

דער ערשטער, וועלכער האָט בעהויפּטעט, אז דער ווערטה פון א סחורה ווערט בעשטימט ניט דורך איהר פעהיגקייט צופרידענ־צושטעלען א געוויסע בעדערפניס, נאָר דורך דער קוואנטיטעט ארבייט אין איהר, איז געווען אדאם סמיטה.

אדאם סמיטה שטיצט זיך אויף דעם געוועהנליכען אַלטעג־ליכען אמת, אז אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער ה א ל ט י ע ד ע ר מ ע נ ש ט י י ע ר ד אָ ס, ו ו אָ ס א י ה ם ק ו מ ט ש ו ו ע ר אָ ן א ו ן נ י ט א ז ו י ט י י ע ר ד אָ ס, ו ו אָ ס א י ה ם ק ו מ ט ל י י כ ט אָ ן. „ווען ביי א יעגער פאָלק — איז אדאם סמיטה מסביר — האָט דאָס פאנ־גען א ביבער געקאָסט צוויי מאָל אזויפיעל ארבייט, ווי דאָס פאנ־גען א הירש — איז דער ווערטה פון ביבער געווען צוויי הירשען. א זאך, וואָס ענטהאלט אין זיך צוויי טעג אָדער צוויי שעה אר־בייט, דארף זיין צוויי מאָל אזוי ווערטה, ווי א זאך, וואָס ענט־האלט נאָר איין טאָג אָדער איין שעה ארבייט". און ווייטער: „יעדער מענש קען זיין אָרעם אָדער רייך. דאָס ווענדט זיך אָן דער סכום ארבייט, וואָס געפינט זיך ביי איהם אין רשות און מיט וועלכער ער קען זיך בענוצען".

ביי אדאם סמיטה'ן איז אָבער שווער צו פערשטעהן, דורך וועלכער ארבייט דער ווערטה ווערט בעשטימט: צי דורך דער ארבייט, וואָס געהט אוועק אויפ'ן שאפפען דעם פּראָדוקט, אָדער דורך דער מאָס ארבייט, וואָס מען קען בעקומען פאר'ן פּראָדוקט. ווי עס איז צו זעהן פון זיין ווערק איז ער געווען מעהר נוטה צו דער צווייטער בעשטימונג. „דער ווערטה פון א געוויסער סחורה פאר איהר בעל הבית — זאָגט סמיטה — איז דעריבער אזויפיעל, וויפיעל ארבייט ער, דער בעל הבית, איז אימשטאנד פאר איהר צו בעקומען און פאר איהר צו בעשטעלען". „ווען איינער קויפט א זאך, רעכענט ער זיך אויס, וויפיעל ארבייט די זאך קען איהם פערשפּאָרען — ד. ה. וויפיעל ארבייט די זאך טראָגט איהם איין". ביי סמיטה'ן, ווי מען זעהט, טראָגט דער סכום ארבייט, וואָס דורך איהם ווערט בעשטימט דער ווערטה, א ריין סוביעקטיווען כאראק־טער. מען רעכענט זיך ניט מיט דער ארבייט, וויפיעל דער פּראָ־דוקט ענטהאלט אין זיך, נאָר מיט דער ארבייט, וויפיעל דער פּראָ־דוקט קען אריינברענגען, אָדער פערשפּאָרען זיין אייגענטימער. סמיטה אַליין וויל צוגעבען דעם ווערטה א געוויסע אָביעקטיווע

פאַרב און צום סוף בעהויפּטעט ער, אַ זדער ווערטה ווערט בעשטימט פון דער מאָס אַרבייט, וויפיעל דער פּראָדוקט שפּאָרט דעם אייגענטימער איין. דאָס איז דאָך שוין ווידער אַ סוביעקטיווע בעשטימונג. איינער קען פאַר'ן פּראָדוקט בעקומען אַזויפיעל אַרבייט, דער צווייטער אַ קלענערע אָדער אַ גרעסערע מאָס אַרבייט.

דער געניאַלער עקאָנאָמיסט דוד ריקאַרדאָ, וועלכער האָט אָנגעוויזען אויף די אונקלאָהרקייטען אין סמיטה'ס לעהרע, קומט דעריבער צום כלל: אַז, דער ווערטה פון אַ סחורה, אָדער דער ווערטה פון אַנדערע סחורות, אויף וועלכע זי ווערט אויסגעביטען, איז די מאָס אַרבייט, וויפיעל עס האָט געקאָסט דאָס אויסאַרבייטען די סחורה און ניט די מאָס אַרבייט, וואָס מען קען דורך איהר בעקומען”. ווען איין פּראָדוקט ווערט אויסגעביטען אויף אַ צווייטען פּראָדוקט הייסט עס, אַז די פּראָדוקציע, דאָס שאַפען פון איין פּראָדוקט קאָסט אַזויפיעל אַרבייט, ווי דער שאַפען פון צווייטען פּראָדוקט.

ריקאַרדאָ ערקלעהרט זיין טעאָריע אויף אַזאַ אופן: „אויב אַ ראָק, וואָס ענטהאַלט אין זיך, אַ שטייגער, 100 שעה אַרבייט, וועט פערקויפט ווערען פאַר אַ פּאָר שטיוועל, וואָס ווערט פּראָדוצירט מיט 50 שעה אַרבייט, וועט דאָך אויסקומען, אַז דעם שניידערס אַרבייט ווערט געשאַצט אויף אַ העלפט וועניגער, ווי שוסטערשע אַרבייט. דער שניידער וועט מוזען אַרבייטען אויף זיין חיונה דאָפּעלט אַזויפיעל, ווי אַ שוסטער. דאָס איז דאָך אַ זאַך, וואָס ס'איז אונמעגליך, ווייל אַלע שניידערס וועלען אָנפאַנגען צו לערנען זייערע קינדער שוסטעריי. מיר לעבען דאָך אין אַ געזעלשאַפט, וואו יעדער האָט דאָס רעכט אויסצוקלייבען די מלאכה, וואָס ער וויל. דער פועל יוצא וועט זיין, אַז אונזער געזעלשאַפט וועט מיט דער צייט האָבען זעהר פיעל שוסטערס און וועניג שניידערס. דאָס וועט פיהרען דערצו, אַז שניידעריי וועט ווערען תקיף. און אויף שוסטערשע אַרבייט וועט ווערען אַ זול. אָט צוליעב דער פרייער קאָנקורענץ, וואָס יעדערער קען זיך אויסקלייבען די מלאכה, וואָס ער וויל, אַרבייט זיך אויס בלינדערהייט, אָהן אַ שום ווילען פון וועמען עס איז, דאָס געזעץ, אַז ביי אַנדערע גלייכע בעדינגונגען האָט אַ געוויסע מאָס אַרבייט פון איין מלאכה אַזאַ ווערטה, ווי דיזעלבע מאָס אַרבייט פון אַ צווייטער מלאכה און דאָס איז

טאַקי די אורזאַך, וואָס אין יעדער צייט איז אומגעפעהר פאַראַן אין דער געזעלשאַפט די נויטיגע צאָהל בעלי מלאכות פון פער־שיידענע צווייגען פון דער אינדוסטריע, ווייל די אַרבייט־קראַפט ווערט אין אַלע צווייגען גלייך געשאַצט און פערווערטהעט.

עס איז דאָ קלאָר צו זעהן אין דער בעגרינדונג פון דער ווערטה־טעאָריע דעם אונטערשייד צווישען סמיטה'ן און ריקאַר־דאָ'ן. סמיטה בעגרינדעט דאָס אָביעקטיווע געזעץ פון ווערטה ס ו ב י ע ק ט י ו ו, פסיכאָלאָגיש. ער שטיצט זיך אויף דער פסי־כאָלאָגיע פון'ם מענש, וועלכער שאַצט טייערער דאָס, וואָס ס'קומט שווער אָן און לייכט דאָס, וואָס ס'קומט גרינג אָן. ריקאַרדאָ בע־גרינדעט עס אָ ב י עק ט י ו ו. לויט די אָביעקטיווע בעדינגונ־גען פון אונזער געזעלשאַפט, לויט דעם געזעץ פון פרייער קאָנקו־רענץ — זאָגט ריקאַרדאָ — מוזען גלייכע מאַסען אַרבייט האָבען גלייכע ווערטהען און ניט צוליעב די געפיהלען און געדאַנקען פון איינציגע מענשען.

ריקאַרדאָ איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט בעוויזען, אַז די בעדינגונגען, וועלכע בילדען דעם ווערטה, זיינען ניט צו־פעליגע, סוביעקטיווע, וואָס זיינען ניט אַלע מאָל שטענדיג און פעסט, נור ריין אָביעקטיווע, פעסט אוועקגעשטעלטע און ליגען אין דעם יסוד פון אונזער געזעלשאַפטליכער געביידע — אין דער פרייער קאָנקורענץ, אָבער ניט אין אונזער „איך".

צאָהלט מען פאַר יעדער סחורה לויט איהר ווערטה נאָך?

ניין!

דער ווערטה פון דער סחורה איז ניט דאָסזעלבע, וואָס מען קריגט פאַר איהר ביים פערקויפען.

דער ווערטה איז ניט דאָס זעלבע, ווי דער פרייז.

ד ע ר פ ר י י ז פ ו ן ד ע ר ס ח ו ר ה א י ז ד י ק וו אַ נ ט י ט ע ט פ ר אָ ד ו ק ט ע ן, אָ ד ע ר, א י ן א י צ ט י ג ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט, ד אָ ס ג ע ל ד, וו אָ ס מ ע ן צ אָ ה ל ט פ אַ ק ט י ש פ אַ ר א י ה ר.

דער ווערטה פון דער סחורה ווערט בעשטימט אין דער פראָ־דוקציע, בעת דער פרייז — אויפ'ן מאַרק. ווען אונזער גע־זעלשאַפט וואָלט געווען אָרגאַניזירט און יעדער סאָרט פראָדוק־טען וואָלט אויסגעאַרבייט געוואָרען פונקט וויפיעל עס איז נויטיג צום געברויך, וואָלט דער פרייז מיט'ן ווערטה זיך קיין מאָל ניט פערנאַנדערגעגאַנגען, זיי וואָלטען אימער געווען גלייך. 10 שעה

ארבייט פון איין סחורה וואָלט פאַקטיש אויסגעביטען געוואָרען אויף 10 שעה ארבייט פון אַן אנדער סחורה. אונזערווירטשאַפט איז אָבער ניט אָרגאַניזירט. איינער ווייס ניט פון צווייטען און עס קומט דעריבער אויס, אַז אַנדערע פּראָדוקטען ווערען אַן אַנדערש מאָל פּראָדוצירט מעהר וויפיעל זיי זיינען נויטיג, אַן אַנדערש מאָל — ווייניגער וויפיעל זיי זיינען נויטיג.

אין ערשטען פאַל איז דער אָנגעבאָט — די קאָנקורענץ צווישען די פערקויפער — א גרעסערע, און די נאָכפראַגע — די קאָנקורענץ צווישען די קויפער — א קלענערע. דער פּועל יוצא וועט זיין, אַז דער פּראָדוקט וועט פאַלען אין פּרייז, ער וועט פערקויפט ווערען ווייניגער, ווי ס'איז זיין ווערטה.

אין צווייטען פאַל וועט זיין פערקעהרט. די נאָכפראַגע וועט זיין גרעסער, ווי דער אָנגעבאָט און דער פּראָדוקט וועט פערקויפט ווערען פאַר העכער ווי זיין פּרייז. דער פּרייז איז אויף אַזאַ אופן קיין מאָל ניט גלייך צום ווערטה, אַמאָל איז ער העכער, אַמאָל איז ער נידעריגער. דער פּרייז ווענדט זיך פון דעם צושטאַנד פון מאַרק. פון דעם סכום סחורות, וועלכע זיינען דאָרטען פאַראַן.

דזשאהן סטואַרט מילל האָט זעהר ריכטיג פערגליכען די בעציהונגען פון פּרייז צום ווערטה מיט די כוואַליעס פון ים צו זיין אויבערפלאַך. די כוואַליעס הויבען זיך אַמאָל אויף העכער ווי די אמת'ע ים־אויבערפלאַך און אַמאָל לאָזען זיי זיך ארונטער נידעריגער.

א ביישפּיעל וועט אונז קלאָהרער מאַכען דעם ענין. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז 10 סענט ענטהאַלט אין זיך א שעה ארבייט. ווען איינער האָט א סחורה, לאָמיר זאָגען א הוט, וואָס ענטהאַלט אין זיך 10 שעה ארבייט, וועט איהר ווערטה זיין 1.00 דאָלער. דער וואָס האָט אָבער אויסגעאַרבייט דעם הוט, האָט ניט גענוי געוואוסט דעם צושטאַנד פון מאַרק און האָט געבראַכט צו פערקויפען היט מעהר, וויפיעל מען פאָדערט. עס איז פאָרגעקומען א קאָנקורענץ צווישען איהם און אַנדערע הוט־מאַכער. זיי האָבען געמוזט ארונטערלאָזען פון פּרייז. זיי האָבען געמוזט פערקויפען א הוט, וואָס ענטהאַלט אין זיך 10 שעה ארבייט, פאַר 90 סענט. מיט 10 סענט ווייניגער, ווי איהר אמת'ר ווערטה איז.

וואָס וועט אָבער שפּעטער דערפון ארויסקומען? ווען די קירזשנער זעהען, אַז היט פערקויפען זיך פאַר ווייניגער, ווי זיי־

ער ווערטה, וועלען זיי אָנפאַנגען ווייניגער צו פּראָדוצירען. צום צווייטען סעזאָן וועלען זיי שוין ברייגנען פיעל ווייניגער סחורה אויפ'ן מארק. זיי וועלען ברייגנען ווייניגער סחורה, וויפיעל מען פאָדערט. די נאָכפראַגע אויף די היט וועט זיין גרעסער ווי דער אָנגעבאָט. די קאָנקורענץ וועט פאַרקומען ניט צווישען די פּער־קויפער, נאָר צווישען די קויפער. דער פועל יוצא וועט זיין, אַז די היט וועלען שטייגען אין פּרייז. מען וועט פאר יעדען הוט געבען ניט נאָר 1 דאָלאַר, וויפיעל זיין ווערטה איז, נאָר מעהר ווי אַ דאָלאַר, אומגעפעהר 1.10. אין דעם פאַל איז דער פּרייז העכער פון ווערטה.

אין יעדען בעזונדערען סעזאָן קען אַמאָל דער פּרייז זיין נידעריגער פאר'ן ווערטה, און אַמאָל העכער פאר'ן ווערטה. ווען מיר זאָלען אָבער צוזאַמענלייגען דעם סך־הכל פון די פּרייזען, וואָס מען קריגט פאר די סחורות אין צוויי סעזאָנען און זיי צו־טיילען אויף דעם ווערטה, וועט אויסקומען, אַז אין אַלגעמיינעם איז די סומע ווערטהען גלייך צו דער סומע פון די פּרייזען. אין אונזער ביישפּיעל איז דער פּרייז פון צוויי היט אין צוויי סעזאָנס געווען $2.00 (90+1.10) און דער ווערטה פון דיזעלביגע היט $2.00 (1+1).

נאָך ריקאַרדאָ'ס טעאָריע קומט אויס, אַז דאָרטען, וואו די מלאָכות קענען ניט אויסגעקליבען ווערען לויט דעם פערלאַנג פון יעדען מענשען, ווען צ"ב שניידערס קענען זייערע קינדער שוסטעריי ניט לערנען: צי ווייל דאָס געזעץ פערבאָט איבערצו־געהן פון איין מלאכה צו דער צווייטער (אזוי ווי עס איז געווען אין מיטעלאַלטער אין דער צייט פון די צעכען), צי ווייל שוס־טעריי פאָדערט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, וועלכע זיינען ביי אַ מיטעלען מענשען ניט פאראן — דאָן קען טאַקי לויט ריי־קאַרדאָ'ן די מאָס ארבייט פון שוסטעריי האָבען אַ גרעסערען ווערט, ווי דיזעלביגע מאָס ארבייט פון שניידעריי, און דער פּרייז וועט אויך ניט רעגולירט ווערען לויט דער פרייער קאָנקורענץ, ווייל שוסטעריי איז ניט אַ מלאכה, וועלכע יעדער איז אימשטאַנד און פעהיג צו לערנען און ממילא איז זי אויסגעשלאָסען פון דער פרייער קאָנקורענץ. דערמיט ערקלעהרט זיך טאַקע גאַנץ גוט דער פאַקט, וואָס דער ווערטה און דער פּרייז פון געוויסע זעל־טענהייטען, ווי צ"ב די בילדער פון אַ גרויסען קינסטלער, ווערען

ניט געשאַצט לויט דער מאָס אַרבייט, וואָס אין זיי איז פערקערפערט, ווייל זעלטענהייטען ליגען ניט אונטער דער פרייער קאָנקורענץ. דאָס זעלבע איז אויך מיט אַזוינע זאַכען, וועלכע ליגען אונטער אַ מאָנאָפּאָל. זייער ווערטה און פרייז ווערען ניט געשאַצט לויט דער מאָס אַרבייט, ווייל זיי זיינען אויסגעשלאָסען פון דער פרייער קאָנקורענץ.

אין אונזער געזעלשאַפט זיינען פאַראַן פיעל זאָרטען סחורות, אויף וועלכע די פרייע קאָנקורענץ האָט קיין שליטה ניט, און במילא זיינען זיי לויט ריקאַרדאָ׳ן אויסגעשלאָסען פון דעם מאָסשטאַב, מיט וועלכען עס ווערען אויסגעמאָסטען די ווערטהען פון אַלע אַנדערע סחורות.

ווי ווערט אָבער פאָרט בעשטימט דער ווערטה און דער פרייז פון אַזוינע סחורות? מיר האָבען בעמערקט, אַז בילדער פון אַ קינסטלער, מאָנאָפּאָל־זאַכען, ענטדעקונגען פון וויסענשאַפטסמענער א. אַז. וו. ווערען ניט געשאַצט לויט דער מאָס אַרבייט. ווי דען זשע ווערען זיי געשאַצט? מיט וועלכען מאָסשטאַב מעסטען מיר זייער ווערטה און פרייז? פון וועמען, פון וועלכע בעדינגונגען זיינען זייער ווערטה און פרייז אַבהענגיג? ריקאַרדאָ גיט ניט דערויף קיין ענטפער. אַן ענטפער אויף אָט די פראַגען געפינען מיר אין דער טעאָריע פון דעם גאון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט די אַרבייט־טעאָריע מיט אַזעלטענער חריפות ענטוויקעלט און איהר דערהויבען צו איינע פון די זעלטענסטע קאָסטבאַרקייטען אין דעם אוצר פון מענשליכען געדאַנק.

9טע לעקציע

מארקס׳ ווערטה־טהעאָריע

דער צד השוה פון פערשיידענע סחורות אויף׳ן מאַרק; די אַרבייט קראַפט אַלס די איינציגע אייגענשאַפט, לויט וועלכער די סחורות קענען פערגליכען ווערען; דער אונטערשייד צווישען מאַרקס און ריקאַרדאַ; די געזעלשאַפטליכע נויטיגע אַרבייט אַלס אַ מאָס צו מעסטען ווערטהען; איינפאַכע און קוואַליפיצירטע אַרבייט; די מאָס צו מעסטען קוואַליפיצירטע אַרבייט; ווי דער פּרייז ווערט בעשטימט לויט מארקס׳ טעאָריע; אַ פערזוך צו ערקלעהרען אַלע ערשיינונגען אויפ׳ן מאַרק מיט מאַרקס ווערטה טעאָריע.

מארקס איז מסכים מיט ריקאַרדאָ׳ן, אַז דער ווערטה פון די סחורות ווערט בעשטימט לויט דער מאָס ארבייט, וואָס אין איהר איז אריינגעטהאָן. אָבער אויסער דעם וואָס די בעגרינדונג פון דער טעאָריע איז ביי מארקס׳ן אַ גאַנץ אַנדערע, ווי ביי ריקאַרדאָ, האָט מארקס נאָך בעסער אונז קלאָהר געמאַכט דעם גאַנצען ענין אַזוי, אַז מיר קענען מיט זיין ווערטה־טעאָריע ערקלעהרען אַלע ערשיינונגען פון מאַרק.

אום גענויער צו בעווייזען זיין לעהרע, נעהמט מארקס אַלס ביישפּיעל אַזאַ סאָרט געזעלשאַפט, וואו געלד איז ניט דער פערמיטלער צווישען סחורות; אַזאַ פאַל, וואו די סחורות ווערען אויסגעביטען איינע אויף די אַנדערע דירעקט אָהן אַ שום פערמיטלער, וואו דער קויפער מיט׳ן פערקויפער האָבען אין זייער האַנדעל זיך ניט בענוצט מיט געלד, נאָר האָבען גע׳חלופ׳ט דירעקט סחורות אויף סחורות.

אַ וועבער, למשל, האָט אויסגעוועבט 20 איילען לייווענד, וועלכע זיינען איהם ניט נויטיג פאַר׳ן אייגענעם געברויך; אַ שניידער ווידער האָט אויפגענעהט אַ ראָק, אין וועלכען ער אַליין נויטיגט זיך ניט. ווען דער וועבער מיט׳ן שניידער בעגעגענען זיך, בייטען זיי אויס זייערע פּראָדוקטען צווישען זיך, ווייל אַלעמען איז בעוואוסט, אַז 20 איילען לייוועגד קאָסטען אַזוי פיעל, וויפיעל עס קאָסט איין ראָק. דער וועבער אַרבייט פאַרוועמט. די לייוועגד, וועלכע ער וועבט אַלץ ווייטער מעהר, בייט ער אויס אויף פערשיידענע מעבעל און פיעלע אַנדערע זאַכען, וועלכע

זיינען איהם נויטיג. 20 איילען ליינוועגד האָט ער, למשל, אויס־געביטען אויף א בעט; נאָך 20 איילען אויף א טיש; אנדער 20 איילען אויף א חודש דירה; נאָך 20 איילען אויף 2 פוד ברויט א. אז. וו. אין יעדען מסחר, וואָס דער וועבער האָט דאָ געמאכט, איז דער ווערטה פון די אויסגעביטענע סחורות געווען גלייך. 20 איילען לייוועגד האָט דעמזעלבען ווערטה, ווי א ראָק, — ווי א בעט, ווי א טיש, ווי א דירה אויף א חודש, ווי 2 פוד ברויט.

פערצייכענען מיר דאָס אויף פאַפּיער, בעקומען מיר אזא מין רשימה:

20 איילען לייוועגד זיינען גלייך צו 1 ראָק,
20 " " " " 1 בעט,
20 " " " " 1 דירה (אויף א חדש),
20 " " " " 2 פוד ברויט.

די אויסגערעכענטע סחורות זיינען זאכען, וועלכע זיינען נויטיג צום פערשיידענעם געברויך, זיי שטעלען צופרידען פערשיידענע, ניט איינע און דיזעלבע בעדירפניסען. ברויט שטילט דעם הונגער; לייוועגד און א ראָק זיינען מלבושים; א בעט און א טיש זיינען מעבעל. יעדע פון די אויסגערעכענטע סחורות דיענט דאָ פאר אן אנדער צוועק. דער נוצען, וואָס מען האָט פון איין סחורה, איז אנדערש פון דעם, וואָס מען האָט פון א צווייטער סחורה. די אלע סחורות האָבען פערשיעדענע געברויך ווערטהען. די געברויך־ווערטהען זיינען צווישען זיך פערשיידען אזוי ווי עס איז פערשיידען דאָס רויהע מאַטעריאַל, פון וועלכען זיי זיינען געמאכט געוואָרען. לייוועגד איז געוועבט פון פעדים, א טיש איז געמאכט פון האָלץ, א דירה איז אויפגעבויט פון ציגעל, האָלץ און אייזען א. אז. וו.

די ניט־גלייכע געברויך־ווערטהען פיהרען טאַקע צום מסחר. ווען די געברויך־ווערטהען וואָלטען געווען אלע גלייך, וואָלט קיין שום האנדעל ניט געקענט זיין. קיינער וועט דאָך ניט נעהמען ביטען לייוועגד אויף לייוועגד, א בעט אויף א בעט א. ד. ג. אויסגעביטען איינע אויף די אנדערע קענען נאָר ווערען סחורות ניט גלייכע, אזוינע, וועלכע בעפרידיגען ניט איין און דיזעלביגע בעדערפניסען, וועלכע האָבען ניט גלייכע געברויך־ווערטהען.

איצט פרעגט זיך, וויבאלד אז די געביטענע סחורות טאָרען ניט זיין גלייך, טאָ ווי קען מען איבערהויפּט זיי פערגלייכען

איינע צו דער אַנדערער? אויבען האָבען מיר פערצייכענט אַ רשימה, אַז 20 איילען לייווענד זיינען גלייך צו איין ראָק. יע־דערער, וועלכער איז נאָר עטוואָס בעקאַנט מיט מאַטעמאַטיק, ווייס, אַז פערגלייכען קען מען נור זאַכען, וועלכע האָבען איינע אין דיזעלביגע אייגענשאַפטען, דיזעלביגע קוואַליטעטען (איכות). עס איז, למשל, זעהר נאַריש צו פערגלייכען ציפער צו מעבעל, מעבעל צו אַ מלבוש א. אַז. וו. ווען מיר פערגלייכען יע 20 איילען לייוועגד צו אַראָק, איז דאָך מסתמא צווישען זיי פאַראַן אַ צד־השוה, אַ גלייכע אייגענשאַפט, אַז ניט וואָלטען זיי דאָך ניט געקענט פערגליכען ווערען. וואָס איז דער צד השוה, דער אַלגעמיינער שטריך פון די פערשיידענע סחורות? מיר קענען ניט זאָגען, אַז דער צד השוה פון די סחורות זאָל זיין זייער נוצליכקייט, זייער נאַטירליכע זייט, זייערע געברויך־ווערטהען, ווייל די נוצ־ליכקייט פון יעדער סחורה איז פערשיידען, און אויב ניט די נוצ־ליכקייט, טאָ איז אין די סחורות קיין אַנדער צד השוה ניט פאַראַן, ווי זייער געזעלשאַפטליכע זייט, די מאָס אַרבייט, וואָס איז אין זיי פערטהאָן געוואָרען. דאָס איינציגע, וואָס בעשטימט דעם ווערטה פון אַלע פּראָדוקטען, ביים פערקויף, איז דער מענש־ליכער כח, די אַרבייט־קראַפט. אַלע פון די אויבענדערמאָנטע בעלי מלאכות האָבען ביי זייערע פּראָדוקטען געהאָרעוועט. אי דער שניידער, אי דער וועבער האָבען אויסגעגעבען פון זיך ענער־גיע צו בעשאַפען זייערע סחורות. *אָט די אַרבייט־קראַפט, די מענשליכע ענערגיע, וואָס איז פערברויכט געוואָרען אויף יעדער סחורה בעזונדער, איז דער צד השוה פון די סחורות, צוליעב וועלכען זיי קענען פערגלייכען און אויסגעביטען ווערען איינע אויף די אַנדערע.*

די אייגענשאַפט פון דער אַרבייט, וועלכע איז פערווענדעט געוואָרען אין וועבען, איז טאַקע גאַנץ אַנדערש פון דער אַרבייט, וועלכע איז פערווענדעט געוואָרען ביים נעהען דעם ראָק אָדער ביים בויען דאָס הויז. ביי יעדען פּראָדוקט אַרבייט מען מיט פערשיידענע מוסקולען, מיט פערשיידענע נערוועו. אַ שניידער, למשל, אַרבייט מעהר מיט זיינע הענד, אַ וועבער מעהר מיט די פיס, אַ לעהרער מעהר מיט'ן מח און האַרץ. ביים מסחר ווערט

אָבער פערגליכען ארבייט־קראפט בכלל, מענשליכע כח, ניט קו־קענדיג אויף די מוסקולען אָדער נערווען, וועלכע עס זיינען דאָ אָנ־געווענדעט געוואָרען. ווען מיר פערגלייכען 20 איילען לייוועגד צו איין ראָק, מיינען מיר דערמיט צו זאָגען, אז 20 איילען לייוועגד ענט־האַלטען אין זיך אזוי פיעל מענשליכען כח בכלל, וויפיעל עס ענטהאַלט אין זיך איין ראָק.

מען זעהט דאָ קלאָהר די גרויסע נפקא מיניה צווישען ריקאַרדאָ'ס און מארקס 'ערקלעהרונג. אין דער צייט, ווען ריקאַרדאָ'ס ערקלעהרונג נעהמט נאָר ארום די סחורות, וועלכע קענען פריי פון יעדען איינציגען אויסגעארבייט ווערען, נעהמט מארקס' ערקלעהרונג ארום אַלע סחורות, אפילו די, וועלכע ליגען אונטער א געוויסער מאָנאָפּאָל, אָדער זיינען זעהר זעלטען. נאָך מארקס'ן קומט אויס, אז דער פאקט, וואָס איין פּראָדוקט ווערט אויסגעבייטען מיט א צווייטען, ווייזט, אז ער ווערט געשאצט לויט דער מאָס ארבייט וואָס אין איהם איז פערקערפּערט. יעדער טויש, יעדער מסחר איז א פערגלייכונג און פערגליכען ווערען קענען נור אזוינע זאכען, וועלכע האָבען געמיינשאפטליכעס צווי־שען זיך, און אָט דאָס געמיינשאפטליכע איז ניט אנדערש, ווי די ארבייט־קראפט.

די מאָס ארבייט־קראפט אין יעדער סחורה ווערט אויסגע־מאָסטען מיט דער צייט, ד. ה. מען שאצט אָב וויפיעל, א שטייגער, שעה ארבייט עס ד א ר ף דויערן דאָס בעשאפען די סחורה. 20 איילען לייוועגד ווערען אויסגעביטען אויף 1 ראָק דערפאר, וויל די פערוועגדונג פון ארבייט־ענערגיע בכדי צו בעשאפען 20 איילען לייוועגד דארף דויערען אזוי פיעל צייט, וויפיעל עס דארף דויערען דאָס בעשאפען א ראָק.

מיר זאָגען דאָ בכיון: ד א ר ף ד ו י ע ר ע ן, ווייל מען קוקט ניט ווי פיעל צייט עס דויערט אין אמת'ן דאָס אויס־ארבייטען א פּראָדוקט ביי יעדען יחיד בעזונדער. ווען דאָס ווע־בען 20 איילען לייוועגד דארף ביי א דורכשניטליכען ארבייטער מיט מיטעלע פעהיגקייטען דויערן 10 שעה און דאָס אויפנייהען 1 ראָק אויך 10 שעה, דאַן וועלען זיי ביידע האָבען א גלייכען ווערטה.

טרעפט עס, למשל, אז דער וועבער איז זעהר א געשקיטער ארבייטער, אַן אויסנאַהם אין זיין פאך, און ער וועבט אויס די 20 איילען לייוועגד אין 5 שעה, וועט ער אַלץ קריגען דעם ראָק,

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס אין ראָק איז פאַראַן 10 שעה אַר־בייט און אין דער לייוועגד נאָר 5 שעה, מען קוקט בכלל וויפיעל עס *דאַרף* דויערן אַ דורכשניטליכען אַרבייטער, אָבער ניט, וויפיעל עס האָט פאַקטיש געדויערט איינעם אַן אויסנאַהם, אַ יוצא מן הכלל. דאָס גלייכען פערקעהרט, ווען דער וועבער, אַ שטייגער, איז אַ פוילער אָדער בכלל זעהר אַ לאַנגזאַמער אַרביי־טער, אָדער ווען ער אַרבייט מיט אַלטע, פּראָסטע געצייג און דאָס אויסוועבען די 20 איילען האָט איהם געדויערט 20 שעה, קאָן ער ניט פאָדערן 2 רעק דערפאַר, ווייל מען קוקט ניט, וויפיעל ער האָט געאַרבייט, נאָר *וויפיעל עס דאַרף דויערן בכלל אַ דורכשניטליכען אַרבייטער מיט דורכשניטליכע פעהיגקייטען, ביי געוועהנליכע אינסטרומענטען, ביי געוועהנליכע אַרבייט־מעטאָדען און ביי אַ געוועהנליכער אינטענסיוו־קייט.*

מיר וועלען דאָ נאָך אַמאָל דערמאָנען, וואָס מיר האָבען ביי אַן אַנדער געלעגענהייט שוין בעמערקט. אַלס איינהייט אויסצו־מעסטען די אַרבייט־צייט נעמט מען פּראָסטע, איינפאַכע אַרבייט, וואָס פאָדערט ניט קיין איבונג. די סאָרטען אַרבייט, צו וועלכע מען דאַרף זיך לערנען, איבען, ווערען אָנגערופען „קוואַליפיצירטע אַרבייט“ און ווערען געשאַצט איינינע מאָהל מעהר, ווי די איינ־פאַכע אַרבייט.

ווען אַ מעכאַניק אַרבייט, למשל, בלויז 6 שעה, וועט ער קריגען פאַר זיין אַרבייט, אַ שטייגער ווי פאַר 18 אָדער מעהר שעה פּראָסטע אַרבייט. ווייל דעם מעכאַניקער האָט געקאָסט אַ סך צייט דאָס לערנען זיך, ווען ער האָט ניט נור ניט פערדיענט, נאָר האָט נאָך געמוזט צוצאָהלען. דאָס איז טאַקע די אורזאַך פאַר וואָס אַ דאָקטאָר נעהמט פאַר אַ וויזיט אונגעפעהר אַזוי פיעל וויפיעל אַ פּראָסטער אַרבייטער פערדיענט אין אַ גאַנצען טאָג. איידער דער דאָקטאָר בעקומט די מעגליכקייט צו בעזוכען די קראַנקע, מוז ער פערברויכען 14-15 יאָהר אויף דער לעהר, ווען ער האָט ניט פערדיענט דערביי קיין פּנני. ער מוז דעריבער זעהן, אַז נאָך דעם, ווען ער הויבט שוין אָן צו פּראַקטיצירען, זאָל ער פערדיענען אויך פאַר דער צייט פון זיין לעהר. אין יעדער שעה פון דעם דאָקטאָרס פּראַקטיקע ליגען איינינע שעה צייט פון

דער לעהר און דריבער איז 1 שעה קוואַליפיצירטע דאָקטאָרשע ארבייט געדעכענט, למשל, ווי 10 שעה פּראָסטע ארבייט.

די לעהרע פון מארקס איבער דעם ווערטה פון די סחורות ערקלעהרט זעהר פיעל ערשיינונגען אין אונזער לעבען.

ווי מיר האָבען געזעהן, איז מארקס שטענדיג מקפיד אויף די געזעלשאפטליך־נויטהיגע ארבייט. דער ווערטה פון א זאך איז ניט די מאָס ארבייט, וואָס יעדער איינציגער פערוועדעט אין דער ווירקליכקייט, נור די דורכשניט־ליכע מאָס ארבייט, וואָס דארף פערוועדעט ווערען ביי א דורכשניטליכען ארבייטער לויט דעם מיטעלען צושטאנד פון דער טעכניק.

ווי וועט זיין אין אזא פאל: איינער ארבייט אויס א סחורה, לאָמיר זאָגען, א הוט. ער האָט אויף איהם אויסגעגעבען פונקט אזוי פיעל צייט און ענערגיע, וויפיעל עס דארף אויף איהם אויס־געגעבען ווערען. דער הוט איז אָבער ארויס פון דער מאָדע און קיינער טראָגט איהם ניט. וועט מען וואָס געבען פאר איהם? געוויס ניט. ווייל עס איז נאָך ווייניג צו נעהמען אין אנבעטראכט די בעדינגונגען פון פּראָדוקציע, נור מען בעדארף זיך אויך רעכענען מיט די בעדינגונגען פון געברויך, פון קאָנסום. עס איז נאָך ווייניג, וואָס א פּראָדוקט איז געשאפען געוואָרען דורך געזעלשאפטליכער ארבייט, די ארבייט מוז זיין נויטיג. פונקט אזוי ווי קיינער וועט גאָר נישט געבען פאר דער ארבייט פון גיסער וואסער אין א זיפּ, ווייל זי ברייגנגט קיינעם קיין נוצען ניט, אזוי וועט מען קיין זאך ניט געבען פאר דער ארבייט, וואָס ווערט פערטהאָן אויף א זאך, ווען קיינער נויטהיגט זיך ניט אין איהר.

נאָך א ביישפּיעל. א געוויסע געזעלשאפט נויטיגט זיך אין 1000 פּאָר קליידער. דורך א טעות זיינען אויסגעארבייט געוואָרען מיט 100 פּאָר קליידער מעהר. אויפ'ן נעהען די קליי־דער איז פערוועדעט געוואָרען די דורכשניטליכע מאָס ארבייט. וויפיעל וועט מען געבען פאר די קליידער? מען וועט דאָ גע־ווים געבען מיט 10 פּראָצענט ווייניגער, ווי דער אמת'ר ווערטה איז, ווייל עס זיינען דאָ אויפ'ן מארק מיט 10 פּראָצענט מעהר סחורה, וויפיעל עס איז נויטיג און עס קומט פאָר א קאָנקורענץ. דער אָנגעבאָט איז מיט 10 פּראָצענט מעהר, וויפיעל עס דארף זיין און במילא וועט מען געבען ווייניגער מיט 10 פּראָצענט.

דאָס איז בעסטער בעוויז, אַז פּאַקטיש רעכענט מען זיך ניט נור מיט דער דורכשניטליכער אַרבייט־צייט, נור אויך מיט די בעדערפניסען. אַן אַרבייט קען זיין מעהר אָדער וועניגער געזעל־שאַפטליך ניצליך — דאָס ווענדט זיך אָן דעם, ווי הויך און גרויס די בעדערפניסען אין דער אַרבייט זיינען. די געזעלשאַפטליך־נוצליכע אַרבייט פון אַ סחורה ווערט ניט בעשטימט בלויז אין דער פּראָדוקציע, נאָר אויך אויפ׳ן מאַרק. מען קען ביי אַ זאַך אויסלאָזען דורכשניטליכע אַרבייט־ענערגיע, וואָס עס פּאָדערט זיך לויט דעם צושטאַנד פון דער פּראָדוקציע, און דאָך וועט מען אויפ׳ן מאַרק געבען פאַר איהר וועניגער, ווייל עס קען זיך אַרויס־ווייזען — ווי עס קומט אָפט פאַר אין דער ווירקליכקייט — אַז אויף דער גאַנצער סומע סחורות פון דיזען סאָרט האָט מען אויסגעגעבען מעהר אַרבייט, וויפיעל עס איז נויטיג פאַר דער געזעלשאַפט. ווען די געזעלשאַפט האָט נויטיג בלויז 1000 פּאָר קליידער, און אויב לויט דעם צושטאַנד פון דער טעכניק דאַרף יעדע פּאָר קליידער קאָסטען 10 שעה געזעלשאַפטליכע אַרבייט, דאַן איז די געזעלשאַפטליכע מאָס אַרבייט פאַר דער בעדערפניס פון אַלע קליידער 10,000 שעה. אָט די מאָס אַרבייט איז די איינציגע געזעל־שאַפטליך־נוצליך. ווען מען נייהט שפּעטער אויף 1100 פּאָר קליידער, אויף וועלכע עס ווערט אויסגעגעבען 11,000 שעה אַר־בייט, טאַקי אין איינקלאַנג מיט די פּאָדערונגען פון דער פּראָדוק־ציע — וועט מען אויפ׳ן מאַרק פאַר די גאַנצע 1100 פּאָר קליי־דער געבען בלויז 10,000 שעה אַרבייט און ניט 11,000 וויפיעל עס איז אין זיי אַריינגעטהאָן געוואָרען. דער ווערטה פון יעדער סחורה אַן און פיר זיך ווערט טאַקי בעשטימט לויט די בעדינ־גונגען פון דער פּראָדוקציע, אָבער דער ווערטה פון יעדער סחורה אַלס אַ טייל פון דער גאַנצער סומע סחורות, וואָס זיינען פּראָ־דוצירט געוואָרען, ווערט בעשטימט אויפ׳ן מאַרק. **דער מאַרק־ווערטה פון יעדער סחורה וועט זיין איהר פּרייז.**

דעם גאַנצען פּראָצעס קענען מיר זיך אומגעפעהר אַזוי פאָר־שטעלען: די געזעלשאַפט נויטיגט זיך אין אַ געוויסער זאַך, לאָ־מיר זאָגען, אין 1000 פּאָר קליידער. עס ווערט דאַן אויסגע־רעכענט (אין דער טעאָריע געוועהנליך) לויט די בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציע די מאָס געזעלשאַפטליך נוצליכע אַרבייט, וואָס עס איז נויטיג פאַר די 1000 פּאָר קליידער. אויב די געזעלשאַפט־

ליך־נוצליכע ארבייט פאר איין פּאָר קליידער לויט דעם צושטאַנד פון דער טעכניק און דער גאַנצער פּראָדוקציע דאַרף קאָסטען 10 שעה, טאָ אסיגנירט די געזעלשאַפט (ווידער אין דער טעאָריע) פאַר די 1000 פּאָר קליידער 10,000 שעה געזעלשאַפטליכע אר־בייט. אָט די סומע געזעלשאַפטליכע ארבייט איז ערלויבט אויסצו־געבען, ניט מעהר און ניט וועניגער. ווערען פּראָדוצירט פּונקט 1000 קליידער, וועט מען אויפ'ן מארק געבען פאר יעדע פּאָר קליידער 10 שעה און דאַן וועט דער מארק־ווערטה זיין גלייך צו דעם פּראָדוקציאָנס־ווערטה. ווערען פּראָדוצירט 1100 פּאָר קליידער, וועט דער מארק־ווערטה פון יעדער פּאָר פאַלען אומגע־פעהר אויף 10 פּראָצענט. ווייל אויפ'ן מארק וועט מען פאר אַלע 1100 קליידער געבען ניט מעהר ווי פאר 10,000 שעה אר־בייט — וויפיעל עס איז אסיגנירט געוואָרען. ווערען פּראָדוצירט 900 פּאָר קליידער, וועט דער מארק־ווערטה פון יעדער פּאָר קליי־דער זיין מיט 10 פּראָצענט טייערער ווי דער פּראָדוקציאָנס־ווערטה, ווייל אויפ'ן מארק וועט געגעבען ווערען דיזעלבע 10,000 שעה ארבייט, וויפיעל עס איז אסיגנירט געוואָרען, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס מען קריגט פאר זיי ניט מעהר, ווי 900 פּאָר קליידער.

לאָמיר זיך דעם זעלביגען פּראָצעס פּאָרשטעלען ניט אויף איין בעדערפניס נאָר אויף די פערשיידענע סאָרטען בעדערפני־סען. די געזעלשאַפט האָט, צ. ב., אַ געוויסע מאָס ארבייט־קראַפט אין איהר רשות, לאָמיר זאָגען, 1,000,000 שעה; פון דער צווייטער זייט האָט זי פערשיידענע בעדערפניסען: אין שוכ־ווארג, קליידונג, דירות, הייצונג, בילדונג, לוקסוס זאַכען און שעה־נע בילדער. אויף יעדער קאַטעגאָריע בעדערפניסען ווערט אסיג־נירט אַ געוויסע מאָס ארבייט אין הסכם מיט דעם צושטאַנד פון דער פּראָדוקציע. די געזעלשאַפט האָט נויטיג 1,000 פּאָר שטיוועל. אויף יעדער איינציגער פּאָר שטיוועל דאַרף אַוועק דורכשניטליך 60 שעה ארבייטקראַפט. עס ווערט דעריבער פון דער סומע ארבייט־קראַפט, וואָס איז פאַראַן ביי דער געזעל־שאַפט, אסיגנירט פאר שוכווארג 60,000 שעה ארבייט. ביי אונז איז דאָך אָבער די פּראָדוקציע ניט אָרגאַניזירט. איין פאַבריקאַנט וויים דאָך ניט פון צווייטען און אנשטאַט 1,000 פּאָר שטיוועל האָט מען פּראָדוצירט 1,200 פּאָר. אויף יעדע פּאָר שטיוועל איז פערבראַכט געוואָרען, לויט די בעדינגונגען פון דער־פּראָדוקציע, ניט מעהר ווי 60 שעה. די גאַנצע געזעלשאַפט

קען אָבער במציאות אויף אַלע שטיוועל ניט מעהר אויסגעבען ווי 60,000 שעה און דעריבער ווערען די שטיוועל פערקויפט אונטער זייער ווערטה. מען צוטיילט די 60,000 שעה אַרבייט, וואָס די געזעלשאַפט האָט אַסיגנירט פאַר שוכוואַרג, אויף 1200 (וויפיעל פּאָר שטיוועל עס איז פּראָדוצירט געוואָרען). אויף יעדע פּאָר שטיוועל וועט אויסקומען צו 50 שעה און *אַזוי פיעל וועט זיין דער פּרייז*, הגם דער ווערטה פון יעדער פּאָר איז 60 שעה אַרבייט. עס קען אויך פּאַסירען, אַז אַנשטאָט 1,000 פּאָר האָט מען פּראָדוצירט נאָר 800. עס ווערט אַ יקרות. דער פּרייז פון יעדער פּאָר שטיוועל וועט זיין (60,000:800=75) 75 שעה, דאָס הייסט העכער פון ווערטה אויף 15 שעה. מיר זאָגען דעריבער, אַז *דער פּרייז ווערט ערשט בעשטימט אויפ׳ן מאַרק לויט דעם אָנגעבאָט און דער נאָכפראַגע*, ווייל ערשט אויפ׳ן מאַרק ווייס מען, אויב עס איז פּראָדוצירט געוואָרען די נויטיגע קוואַנטיטעט פּראָדוקטען אָדער ווייניגער אָדער מעהרער. דער ווערטה (דער פּראָדוקציאָנס ווערטה) אָבער ווערט בעשטימט פריהער לויט די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען און האָט מיט דעם אָנגעבאָט און נאָכפראַגע ניט צו טהאָן.

נו, לאָמיר ווייטער אָננעהמען, אַז אויף קינסטלערישע בילדער אַסיגנירט די געזעלשאַפט 25,000 שעה אַרבייט. דיזע צאָהל שעה אַרבייט ווערט שפּעטער צוטיילט אויף די פּראָדוצירטע צאָהל בילדער. אויב אויפ׳ן מאַרק זיינען נאָר פאַראַן 5 בילדער, וועט זיין דער פּרייז (דער מאַרק־ווערטה פון יעדען בילד (25,000:5=5000) 5,000 שעה, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דעם קינסטלער האָט געקאָסט יעדעס בילד אַ סך אַ קלענערע קוואַנטיטעט אַרבייט.

דער פאָרצוג פון דיזער טעאָריע בעשטעהט דערין, וואָס דורך איהר איז מעגליך צו ערקלעהרען אַלע ערשיינונגען אין האַנדעל, אפילו דעם פּרייז, דורך איין פּרינציפּ — דורך דער געזעלשאַפטליך־נוצליכער אַרבייט. אויך דער פּרייז ווערט, לויט דיזער טעאָריע, בעשטימט דורך דער געזעלשאַפטליך־נוצליכער אַרבייט, *אָבער ניט דורך דער געזעלשאַפטליכער מאָס אַרבייט, וואָס יעדער פּראָדוקט דאַרף קאָסטען לויט די פּראָדוקציאָנס בעדינגונגען, נאָר דורך דער געזעלשאַפטליכער מאָס*

אַרבייט, וואָס די געזעלשאַפט אסיגנירט פאַר אַלע פּראָדוקטען פון דיזען מין, צוטיילט אויף די צאָהל פּראָדוקטען, וויפיעל עס איז פאַקטיש פּראָדוצירט געוואָרען. לויט דעם קומט אויס, אַז דער פּרייז פון זעלטענהייטען, פון מאָנאָפּאָל זאַכען און פון אַלע אַנדערע סחורות, וועלכע שטעהען אויסער דער קאָנקורענץ, קען אויך ניט ווערען ווילקירליך געהעכערט. ער קען ניט אַרויסגעהן פון געוויסע גרענעצען, וועלכע די געזעלשאַפט האָט געשטעלט מיט איהר אסיגנירען די מאָס אַרבייט פאַר דעם מין פּראָדוקטען, איבער וועלכען עס האַנדעלט זיך דאָ. די מאָנאָפּאָל זאַכען, ווי די זאַכען, וועלכע זיינען אַ יקר המציאות, זיינען לויט דער דאָזיגער טעאָריע אויך אונטערוואָרפען אונטער געוויסע אָביעקטיווע געזעצען, און ניט אונטער דעם קאַפּריז פון דעם קויפער אָדער פערקויפער, ווי עס קומט אויס לויט ריקאַרדאָ'ס טעאָריע. אין אונזער פאַל צ. ב. קען דער קינסטלער ניט קריגען פאַר זיין בילד מעהר ווי 5,000 שעה אַרבייט — ניט מעהר, וויפיעל עס איז לכתחילה אַסיגנירט געוואָרען.

10טע לעקציע

געלד

די אורזאַכען, וועלכע האָבען אַרויסגערופען געלד אין דער געשיכטע; די ענטשטעהונג פון האַנדעל; די בעדינגונגען פאַר דעם אַלטען האַנדעל; די פאָרמען פון טויש אין די אַלטע צייטען; דער אונטערשייד צווישען די פערשיידענע פאָרמען; דאָס ערשטע געלד אין דער געשיכטע; פער־שיידענע זאַכען האָבען געדיענט אַלס געלד; ווי אַזוי מעטאַלען האָבען אַנגעפאַנגען צו דיענען אַלס געלד; די מעלות פון מעטאַלען קעגען אַנ־דערע זאַכען; מטבעות; די ראָליע פון געלד.

מיר ווייסען שוין, אַז דער פּרייז פון די סחורות איז די צאָהל פּראָדוקטען, וואָס מען גיט פאַר זיי. אין היינטיגע צייטען, ווי אונז איז אַלעמען בעוואוסט, צאָהלט מען פאַר אַ געוויסער סחורה ניט מיט אַנדערע פּראָדוקטען, נאָר מיט געלד. דער פּרייז פון די סחורות איז אין היינטיגע צייטען די סומע געלד, וואָס מען גיט פאַר זיי.

וואָס איז אַזוינס געלד? ווי אַזוי האָט עס זיך ענטוויקעלט? איז אַלע מאָל געווען געלד אָדער עס איז אַ שפּעטערדיגע ערשיי־נונג אין אונזער לעבען?

אין אונזערע פאָריגע קאַפּיטלען האָבען מיר גאַנץ ווייניג גע־רעדט וועגען געלד. די ביישפּיעלען, וועלכע מיר האָבען אויסגע־קליבען, זיינען מייסטענס געווען אַזוינע, וואו די פּראָדוקטען ווע־רען אויסגעביטען דירעקט איינער פאַר דעם אַנדערן. דאָס האָ־בען מיר געטהאָן מיט אַ כיון, ווייל פאַקטיש זיינען געווען צייַ־טען, ווען קיין געלד איז איבערהויפּט ניט געווען און שפּעטער, ווען מען האָט זיך שוין יאָ אַנגעפאַנגען צו בעדיענען מיט געלד, איז עס אויך געווען אין אַן אַנדער פאָרם, ווי מען טהוט דאָס איצט.

געלד איז אַ רעזולטאַט פון דעם ענטוויקעלטען האַנדעל. וואָס מעהר דער האַנדעל איז געוואַקסען אַלץ מעהר איז געוואַק־סען די נויטווענדיגקייט אין געלד און ווען די נשמה פון היינ־טיגען לעבען איז געלד, טאָ איז עס אויך דערפאַר, ווייל מיר לע־בען אין אַ האַנדעלס געזעלשאַפט, וואו דאָס רוב פּראָדוקטען ווערען געשאַפען ניט פאַר'ן אייגענעם געברויך, נור פאַר'ן מאַרק.

אין די אַלטע צייטען, ווען דעם מענשען'ס אַרבייט איז גע־ווען אַזוי אונפּרוכטבאַר, אַז ער פלעגט מיט זיין אַרבייט קוים קענען צופרידענשטעלען זיינע טעגליכע בעדערפניסען, איז ניט געווען וואָס צו פערקויפען. עס איז ניט געווען קיין האַנדעל און אויך ניט קיין געלד. אפילו אַביסעל שפּעטער, ווען די אַרבייט פלעגט געבען מעהר פּראָדוקטען, וויפיעל דער מענש פלעגט פאַר־צעהרען, איז נאָך אַלץ ניט געווען קיין מסחר, ווייל די פערשיידענע שבטים פלעגען זיך אַרומרייסען, זיך אַמפּערן און פון די פּראָדוק־טען, וואָס די אַרבייט האָט בעשאַפען מעהר וויפיעל עס איז נויטיג געווען פאַר דער טעגליכער חיונה, פלעגט גאָר נישט ווערען. ווי מיר האָבען שוין ניט איינמאָל געזאָגט איז דער פּרימיטיווער מענש געווען זעהר אַ קליינער בעל תכלית. ער פלעגט זיך ווענינ־וואָס קימערן פאַר'ן מאָרגענדיגען טאָג.

עס איז אָבער געקומען אַ צייט, ווען די נויט האָט געצוואונגען די שבטים ניט צו האַלטען מלחמה צווישען זיך, נאָר צו פיהרען בשותפות דעם קאַמפּף מיט דער נאַטור; די מלחמות זיינען פער־ביטען געוואָרען אויף פריינדליכע אונטערנעהמונגען און פריינדלי־כע אָבמאַכען. די שבטים פלעגען דעמאָלט שוין ניט פערניכטען די איבעריגע פּראָדוקטען, נאָר זיי פלעגען עס אָבלאָזען די אַנדערע שבטים, מיט וועלכע זיי האָבען געלעבט אין פרידען.

עס פערשטעהט זיך, אַז די שבטים, ווענען מען פלעגט אי־בערגעבען די „פּאַראיבעריגטע" פּראָדוקטען, זיינען ניט געווען כפוי טובה און פלעגען פאַר די מתנות אָבגעבען יענע סאָרטען פּראָ־דוקטען, וועלכע זיי אַליין האָבען פאַר זיך ניט פערנוצט און אין וועלכע די אַנדערע שבטים האָבען זיך גענויטיגט.

פון אַזעלכע בייִדענזייטיגע טובות האָט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט אַ שטענדיגער טויש. די שבטים פלעגען צווישען זיך טוישען, אויסבייטען איין סאָרט פּראָדוקטען אויף'ן צווייטען. פון דיזען טויש האָט זיך אין פערלויף פון דער געשיכטע ענטוויקעלט דער ריכטיגער האַנדעל.

אין אָנהויב פון זיין ענטוויקלונג איז נאָך דער טויש ניט געווען אַן אָפטע ערשיינונג. ער איז נור געווען אַ צופאַל, אַ מקרה זאַך. דער טויש האָט געפאָדערט פאָלגענדע בעדינגונגען: 1) האָט יעדער שבט געמוזט בעשאַפען מעהר פּראָדוק־טען, וויפיעל איהם איז נויטיג געווען; 2) האָבען די אי־

בערגעבליבענע פראָדוקטען פון יעדען שבט געמוזט זיין פון פער־שיידענע, ניט גלייכע סאָרטען: קיינער וואָלט דאָך ניט אויסגע־ביטען ווייץ אויף ווייץ. אָדער א האק אויף א האק א. אז. וו.

פאָרקומענדיג זעהר זעלטען האָט דער טויש זיך ניט געגוי־טיגט אין א פערמיטלער. די פראָדוקטען פלעגען אויסגעביטען ווערען גאַנץ פשוט, איינער אויפ׳ן אַנדערען. האָט איין שבט געהאַט אַן איבעריגע בהמה און דער צווייטער אַן איבעריגע האַק, האָבען זיי, די שבטים, צווישען זיך אויסגעביטען די בהמה אויף דער האַק. די פּראָדוקטען פלעגען ביי זייערע נייע בעלי בתים גלייך געהן אין געברויך. דער דענסטמאָלדיגער טויש האָט גע־האַט די דאָזיגע פאָרם:

1) 1 בהמה איז גלייך צו א האַק.

אין אַזא פאָרם ווערט דער ווערטה פון דער בהמה אויסגע־דריקט אין דער האַק, און דער ווערטה פון האַק אין דער בהמה. מיר קענען אַנדערש ניט וויסען דעם ווערטה פון דער בהמה, סיי־דען אינ׳ם פערגלייך מיט אַנאַנדער פּראָדוקט — מיט דער האַק. דאָס גלייכען פערקעהרט: ווען מיר זאָלען די בהמה ניט אַקעגען שטעלען ביים טויש אַקעגען דער האַק, וועלען מיר בשום ענין ואופן ניט וויסען איהר ווערטה, אַזוי גוט, ווי מיר קענען ניט וויסען דעם כח פון א מענש, ביז ער ראַנגעלט זיך ניט מיט א צווייטען.

די פערגלייכונג פון דער בהמה צו דער האַק איז אָבער א מקרה זאַך, עס קען דאָך זעהר טרעפען, אַז יענער שבט האָט פער־איבעריגט ניט א האַק, נאָר אַן אַנדער פּראָדוקט, למשל, פיילען. דענסטמאָל וועט טאַקע דער ווערטה פון דער בהמה שוין ווערען אויסגעדריקט אין די פיילען און אַזוי גוט, ווי איין שבט ווייסט דאָך ניט אויב דער צווייטער שבט וועט איבערהויפּט האָבען וואָס עס איז ניט פאַר א איבעריגען פּראָדוקט אויסצובייטען, האָבען מיר טאַקע ניט געהאַט דעריבער קיין רעכטען בעגריף פון דעם פּראָדוקטס ווערטה. מיר פלעגען דאָס נאָר קריגען צו וויסען דורך א צופאַל, ווען עס האָט זיך געטראָפען א נס, וואו ביידע שבטים, יועלכע האָבען זיך בעגעגענט, האָבען געהאַט איבעריגע פּראָדוק־טען, און דוקא ניט גלייכע פּראָדוקטען, און האָבען דערצו מסכים געווען אויסצובייטען איין פּראָדוקט אויפ׳ן צווייטען.

ווען די פערבינדונג צווישען די וואַנדער שבטים האָט זיך געשטאַרקט, ווען איין שבט האָט זיך אָבגעלערנט פון אַנדערען, ווי בעסער צו עסקפּלואַטירען די מתנות פון דער נאַטור און די אַרבייט פונ׳ם מענש איז געוואָרען פּרוקטבאַרער — דענסטמאָל האָט שוין

יעדער שבט בעזונדער לכתחילה אויסגעאַרבייט אַ פּראָדוקט צום טויש. און ווען דער שבט, וועלכער האָט געהאַט אַן איבעריגע בהמה, למשל, האָט זיך געטראָפען מיט אַנדערע שבטים, האָבען די לעצטע שוין פאַרגעלעגט אונזער שבט זייערע פּראָדוקטען, וועלכע זיי האָבען איבערגעלאָזען פאַר'ן טויש. איין שבט וויל געבען פאַר דער בהמה אַ שווערד; דער צווייטער — אַ האַק; דער דריטער — אַן אַכטעל ווייץ; דער פיערטער — אַ פּאָר ליימענע טעפּ א. א. וו. א. א. וו. אונזער שבט האָט שוין דאָ די מעגליכקייט אויסצוקלייבען פון די אַלע פּראָדוקטען, וועלכע מען שלאָגט איהם פאָר, דעם יעניגען פּראָדוקט, וועלכער עס געפעהלט איהם בעסער.

אזא טויש קען אויסגעדריקט ווערען אזוי:

2) 1 בהמה איז גלייך צו:
אַ שווערד
אַ האַק.
איין אַכטעל ווייץ.
צוויי ליימענע טעפּ.

אין דער דאָזיגער פאָרם איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין פערמיט־לער אינ'ם טויש. איין פּראָדוקט ווערט דאָ דירעקט אויסגעביטען אויפ'ן צווייטען פּראָדוקט. דעם ווערטה פון דער בהמה בכלל קענען מיר נאָך אַלץ ניט וויסען, ניט פערגלייכענדיג מיט די אַלע אַנדערע פּראָדוקטען, וועלכע דאַרפען תיכּף ומיד פערנוצט ווערען. איהר ווערטה דריקט זיך אויס ניט אין איין בעשטימטער סחורה, נור אין אַ סך פערשיעדענע סחורות: אין אַ האַק, אין אַ שווערד, אין אַן אַכטעל ווייץ א. ז. וו. אָט די אַלע סחורות שפּיגלען אין זיך אָב ביי דער פערגלייכונג נאָר דעם ווערטה פון איין סחורה. ווען עס זאָל קומען אַ שבט מיט אַ נייער סחורה, למשל, מיט פעלען און ער וועט מסכים זיין אויסצובייטען די פעלען אויף דער בהמה — וועט דענסטמאָל זיין דער „אויסדריקער" פון דער בהמה'ס ווערטה — די נייע סחורה, די פעלען. און אזוי קען זיין אָהן אַ סוף. קיין בעשטימטער, אָבגעשטעמפּעלטער „אויסדריקער" פון דער סחורה'ס ווערטה, וועלכע איז בעשטימט צום טויש, איז ניטאָ.

די נפקא מינה צווישען דער פריהערדיגער פאָרם פון דעם טויש און דער איצטיגער פאָרם בעשטעהט אין דעם, וואָס אין דעם ערשטען פאַל האָט די בהמה נאָר געפונען **איין** צופעליגען אויסדרוק פון איהר ווערטה, אין צווייטען פאַל — אַ סך צופעליגע אויסדריקער, ווייל יעדע סחורה בעזונדער דריקט אויס דעם ווערטה פון דער בהמה.

יעדענפאַלס קענען מיר שוין זעהן אפילו אין דער מדרגה פונ׳ם טויש, וועלכע מיר בעהאַנדלען איצט, אַ קערן פון געלד. ווען מיר זאָגען, אַז אַ בהמה קען אויסגעביטען ווערען אויף אַ שווערד, אויף אַ האַק, אויף איין אַכטעל ווייץ א. ז. וו. איז דאָך דערפון געדרונגען פערקעהרט אויך — די אַלע פּראָדוקטען: דער שווערד, די האַק, דאָס אַכטעל ווייץ, די פּאָר ליימענע טעפּ — זיי אַלע קענען אויסגעביטען ווערען אויף א י י ן פּראָדוקט, אויף דער בהמה און דער דאָזיגער טויש וועט בעקומען אַזאַ מין פאָרם:

3) 1 שווערד
1 האַק
1 אַכטעל ווייץ.
2 ליימענע טעפּ —
זיינען גלייך צו 1 בהמה.

דאָ זעהען מיר, אַז די אַלע פערשיידענע פּראָדוקטען פער־קערפּערען זייער ווערטה אין א י י ן פּראָדוקט, אין דער בהמה, און ממילא וועט זיין די בהמה דער „אַלגעמיינער אויסדריקער״ פון אַלע אויבענאָנגערופענע סחורות־ווערטהען. ווען איין פּראָ־דוקט שפּיגעלט אין זיך אָב דעם ווערטה פון א סך פּראָדוקטען — דאַן בעקומט שוין דער ווערטה פון יעדען פּראָדוקט אַ געוויסע צורה.

אין פאָרם איינס, ווען דער טויש איז נאָך פאָרגעקומען זעהר זעלטען און אַפילו אין פאָרם צוויי, האָבען מיר נאָר געקענט ווי־סען דעם ווערטה פון יעדען פּראָדוקט דוקא אין דעם פערגלייך מיט דעם א י י נ צ י ג ע ן פּראָדוקט, אויף וועלכען ער ווערט גלייך פערטוישט. דעם ווערטה פון דער בהמה האָב איך נאָר גע־קענט וויסען, ווען איך האָב אָקעגען געשטעלט די האַק, אויף וועל־כער די בהמה איז געוואָרען פערטוישט. קוים אָבער האָט זיך גראַד ניט געמאַכט ביי אַ צווייטער גרופּע אַן איבריגע האַק אָדער אַן אַנדער פּראָדוקט, אָדער ווען די גרופּע האָט בכלל ניט נויטיג געהאָט צום געברויך אַ בהמה, האָבען מיר דענסטמאָל אויך ניט געקאָנט וויסען דעם ווערטה פון דער בהמה, ווייל איין פּראָדוקט שפּיגעלט אין זיך אָב דעם ווערטה אויך מעהר ניט ווי פון א י י ן פּראָדוקט. אין פאָרם דריי איז אָבער גאַנץ אַנדערש. דאָ דריקען אויס זייערע ווערטהען א סך פּראָדוקטען אין א י י ן פּראָדוקט — אין דער בהמה, און ממילא ווערט א י י ן סחורה, די בהמה, דער אַלגעמיינער אויסדריקער פון א סך סחורות.

מיר מוזען בעמערקען, אַז דאָס איבערשטעלען פאָרם 2: —

אײן בהמה איז גלײך צו :

1 האָק

1 שווערד

1 אַכטעל װײץ.

2 לײמענע טעפּ.

אויף פאָרם 3 : —

1 האָק

1 שווערד

1 אַכטעל װײץ.

2 לײמענע טעפּ —

זײנען גלײך צו 1 בהמה.

איז ניט נאָר אַ מאַטעמאַטישער אײנפאַל, נאָר דאָס לעבען גופא האָט עס אַרויסגערופען. און פאַקטיש איז טאַקע די בהמה גע־וואָרען ניט בלויז דער אויסדרוק פון די װערטהען, נאָר אויך דער פערמיטלער ביים טויש.

אַ שבט, למשל, האָט אויסגעאַרבײט מעהר שווערדען װיפיעל איהם איז נויטיג געװען צום אײגענעם געברויך, און ער װיל די „איבריגע" שווערדען אויסבײטען אויף פײלען, װעלכע זײנען איהם נויטיג בכדי צו טויטען די װילדע חיות. ער טרעפט זיך מיט נאָך אַ שבט, װעלכער נויטיגט זיך טאַקע אין שווערדען. אָבער דער דאָזיגער שבט האָט ניט קײן פײלען צו געבען אַקעגען. װי טהוט מען דאָ? דער שבט, װעמען עס װילט זיך זעהר בעקומען די שווערדען, הויבט אָן פאָרצולעגען פאַר די שווערדען אַנדערע פּראָ־דוקטען : תבואות פערשײדענע פירות, טעפּ א. ז. װ. אָט די סחורות זײנען אָבער ניט נויטיג דעם ערשטען שבט. סוף כל סוף זײנען זײ געקומען צו אַ הסכמה : פאַר די שווערדען גיט דער צווײטער שבט אַ בהמה. די בהמה איז אפילו בעת דעם טויש ניט נויטיג דעם שבט ,װעלכער האָט צו פערקויפען די שווערדען, נאָר ער קלעהרט זיך אַזוי : „פון אַלע סחורות, װעלכע מען לעגט מיר פאָר, איז די בעסטע אַ בהמה, װײל אַ בהמה װערט ניט אַזוי גיך פערדאָרבען, מען קען דאָס האַלטען לאַנג און אגב איז טאַקע אַ בהמה אַ מעהר גאַנגבאַרער אַרטיקעל, װי די איבריגע סחורות, װעל־כער מען לעגט מיר פאָר. װען איך װעל טרעפען אַ שבט, װעל־כער האָט צו פערקויפען פײלען, װעלכע זײנען אונז נויטיג, װעט ער אויך צוליעב דער אײגענער רעכנונג, נעהמען בעסער אַ בהמה אײדער אַנדערע פּראָדוקטען". אַזוי האָט זיך ביסלעכװײז אויס־געאַרבײט אַ מנהג אויסצובײטען דעם פּאַראיבריגטען פּראָדוקט ניט אויף אַ פּראָדוקט, װעלכע מען האָט נויטיג אונז־

מיטעלבאַר צום אייגענעם געברויך, נאָר אויף אזאַ פּראָדוקט, פאַר וועלכען מען קען בעקומען אַלע אַנדערע פּראָדוקטען, וועלכע זיינען נויטיג, ד. ה., מען איז שוין אָנגעקומען צו אַ פערמיטלער. אין אונזער משל איז די בהמה דער פערמיטלער צווישען אַנדערע צוויי סחורות: צווישען די שווערדען און פיילען. די בהמה ווערט דאָ דער אויסדריקער פון ווערטה און דער פערמיטלער ביים טויש.

אָט אזוי האָט זיך ענטוויקעלט פון פאָרם 2 די פאָרם 3.

די סחורה, וועלכע האָט אין זיך אויסגעדריקט די ווערטהען פון אַלע אַנדערע סחורות, און איז געוואָרען דער פערמיטלער פון דעם טויש, איז געוועזען דאָס ערשטע געלד אין אונזער געשיכטע.

ווי מיר זעהען, האָבען אין די ערשטע צייטען געדיענט אַלס געלד ניט דוקא מעטאַלען, נאָר אויך אַנדערע פּראָדוקטען, איבער־הויפּט אזוינע פּראָדוקטען, אין וועלכע אַלע האָבען זיך גענויטיגט. אין פערשיידענע צייטען האָבען אַלס געלד געדיענט אויך פערשיידענע סחורות, דאָס האָט זיך געווענדעט אָן די פאָרמען פונ׳ם לע־בען און פון די בעדינגונגען אין יענער צייט. ביי די שבטים, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט געיעג, האָבען פעלען געדיענט אַלס געלד; ביי די פאַסטוכער־שבטים, האָבען געדיענט אַלס געלד פערשיידענע סאָרטען בהמות; ביי די אַקער־בויער — שקלאַפען און לאַנדווירטשאַפטליכע געצייג; ביי די שבטים, וועלכע האָבען געפיהרט מלחמות — כלי־זיין א. ז. וו. מעטאַלען האָבען אָנגע־פאַנגען צו דיענען אַלס געלד ערשט שפּעטער, ווען די מענשהייט האָט שוין דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה אין דער ענטוויקלונג. די אורזאַך, פאַר וואָס די אַלע אויבענדערמאָהנטע געלד זיינען אומע־טום פערביטען געוואָרען אויף מעטאַלען, ליגט אין דער טבע פון די מעטאַלען גופא. מעטאַלען זיינען געווען אַ סחורה, וועלכע אַלע האָבען דאָס גערן גענומען, ווייל פון מעטאַלען פלעגען די ווילדע שבטים מאַכען פערשיידענע כלי־זיין, געצייג און ציערונג, אויף וואָס די מענשען זיינען אין אַלע צייטען געווען גרויסע בעלנים; צווייטענס, קענען מעטאַלען בעסער ערפילען די ראָלע פון געלד ווי איבריגע סחורות. כל זמן די איבריגע סחורות: בהמות, פעלען אוז ז. וו., האָבען געדיענט אַלס געלד, האָט געקענט ווערען אַ מסחר

נאָר דענסטמאָל, ווען דער פערקויפער האָט געהאַט אַזאַ סחורה, וואָס איז ווערטה געוועזן ניט מעהר און ניט וועניגער ווי די פעל אָדער די בהמה. ווען דעם פערקויפערס פּראָדוקט איז ווערטה געווען וועניגער ווי די פעל אָדער די בהמה האָט שוין דער מסחר ניט געקענט אויסגעפיהרט ווערען, ווייל אַ פעל צושניידען אויף שטיקער האָט ניט געלוינט: די פעל וואָלט דענסטמאָל פערלי־רען אין גאַנצען איהר ווערטה; דאָס גלייכען ביי בהמות. ביי מעטאַלען איז דער חסרון ניטאָ, ווייל מעטאַלען קענען צוטיילט ווערען אויף קליינע שטיקלעך, זייער ווערטה ווערען זיי ביים צו־טיילען ניט אָן; מעטאַלען ווערען אויך אַזוי גיך ניט פערדאָר־בען, ווי אַנדערע פּראָדוקטען — זיי קען מען האַלטען לאַנג. אוי־סער דעם פערנעהמען זיי ניט אַזאַ גרויסען אָרט ווי אַנדערע פּראָ־דוקטען.

אַט צוליעב די אַלע מעלות, וועלכע געפינען זיך ביי די מעטאַלען, האָט זיך געשווינד אומעטום פערשפּרייט דער מנהג צו געברויכען זיי אַלס פערמיט־לער פון טויש, פון האַנדעל.

דער פערמיטלער, ווי מיר זעהען, שפּיגעלט אין זיך אָב די ווערטהען פון אַלע סחורות אין דער וועלט, חוץ זיין איי־גענעם ווערטה. ווען מיר ווילען וויסען דעם ווערטה פון דער בהמה, וועלכע דיענט אַלס פערמיטלער צווישען די סחורות, מוז איך זי פערגלייכען און אויסטעלען מיט אַנדערע סחורות, מיט אַ האַק, מיט אַ שווערד א. א. וו., זי אַליין קען איהר אייגע־נעם ווערטה ניט אויסדריקען, מען קען ניט זאָגען, למשל, איין שאָף איז גלייך צו איין שאָף — דאָס וואָלט געווען זעהר קאָמיש. און דעריבער איז טאַקע אַזאַ פערמיטלער נאָך אויך ניט געווען די העכסטע ענטוויקעלטע פאָרמע פון טויש. מען האָט געמוזט געפי־נען אַזאַ פערמיטלער, אין וועלכען ס'האָבען געקענט ווערען אויס־געדריקט די ווערטהען פון אַלע סחורות אין דער וועלט, אפילו פון זיך אַליין אויך, און דאָס האָט נאָר געקענט זיין געלד אין דער פאָרמע פון מטבעות.

מטבעות זיינען געשטעמפּעלטע געלד.

ווען דער האַנדעל איז שוין געוואָרען אַ בעשעפטיגונג, אָהן וועלכען מען האָט שוין ניט געקענט אויסקומען, ווען אין דעם האַנ־דעל האָבען שוין אָן אַנטהייל גענומען אַ סך מענשען פון דער גע־

זעלשאַפט, האָט יעדע מלוכה געמוזט זאָרגען, ווי צו פערלייכטערען די טעכנישע זייט פון איהם. זי האָט געמוזט מאַכען אַזאַ געלד, וואָס אַלע זאָלען גלייך וויסען די געוויכט און די גרויס זיינס. זי האָט דעריבער אָבגעשטעמפּעלט אויף יעדען שטיק מעטאַל, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען אַלס געלד, די געוויכט און די פּראָבע. יעדע מטבעה האָט זיך אויסגעביטען לויט איהר פולען ווערטה. ניט וועניגער און ניט מעהרער (איצטיגע מטבעות און אַסיגנאַציעס טראָגען אַן אַנדער כאַראַקטער). די חתימה אויף דעם מעטאַל האָט נאָר געוויזען וויפיעל און ווי גרויס ס'איז זיין ווערט און איז געווען אַ מאָס, מיט וועלכער מען פלעגט אויסמעסטען די ווערטהען פון די סחורות. ווען מען האָט גע׳חתמ׳עט שטיקלעך מעטאַלען, האָבען זיי שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירען אַלס סחורות, וועלכע קענען צופרידענשטעלען מענשליכע בעדערפניסען, נאָר אַלס אוסדריקער פון אַלע ווערטהען, אפילו זייער אייגענעם ווערטה, זייער מעטאַלען־ווערטה. זיי זיינען געוואָרען די מאָס, מיט וועלכע אַלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט האָבען מסכים געווען אויסצומעסטען אַלע זייערע סחורות, און דעריבער האָבען זיי בעקומען אַ בעזונדערע בעדייטונג צווישען די איבריגע סחורות. אויסער דעם וואָס זיי זיינען פּראָדוקטען, וועלכע קענען צופרידענשטעלען פערשיידענע בעדערפניסען, זיינען זיי אויך:

1) אַ פערמיטלער ביים האַנדעל.

2) אַ סחורה, אין וועלכע אַלע פּראָדוקטען דריקען אויס זייערע ווערטהען.

3) אַ בעשטעטיגטע מאָס, מיט וועלכער מען קען אויסמעסטען דעם ווערטה פון אַלע פּראָדוקטען.

אינהאלט:

זייט

א פּאָר ווערטער פון אויטאָר	3
איינלייטונג	5
I. די לעהרע פון פּראָדוקציע.	
א) די נאַטור	16
ב) ארבייט	26
דאָס צוזאַמענארבייטען און די ארבייטס צוטיילונג	37
ג) קאַפּיטאַל	49
II. ווירטשאַפט־סיסטעמען.	
א) נאַטוראַל - ווירטשאַפטען	60
ב) די סחורה - ווירטשאַפטען	68
III. די לעהר'ע פון צירקולאַציע אָדער פון	
פונאַנדערטיילונג	77
מאַרקס' ווערטה - טעאָריע	89
געלד	99

אַרבייטער רינג ביבליאָטעק

אין אַרבייטער־רינג ביבליאָטעק זיינען ביז איצט ערשינען:

1) באָטאַניק

דאָס לעבען פון פלאַנצען (מיט אילוסטראַציאָנען)
100 זייטען. פון א. ש. זאַקס.

2) פיזיק

(מיט אילוסטראַציאָנען). 100 זייטען.
פון דר. אַב. קאַספּע.

3) היגיענע

געזונדהייטס לעהרע (מיט אילוסטראַציאָנען)
100 זייטען. פון דר. י. א. מעריסאָן.

4) דער טרייד־יוניאָניזם

100 זייטען. פון דר. ל. לעווין.

5) דער סאָציאַליזם פון סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען שטאַנדפּונקט

100 זייטען. פון דר. חיים זשיטלאָווסקי.

6) אַסטראָנאָמיע

(מיט צייכנונגען און בילדער.) 275 זייטען.
פון דר. ב. האָפמאַן (צביון).

7) געאָלאָגיע

(מיט אילוסטראַציאָנען.) 100 זייטען.
פון דר. אַב. קאַספּע.

8) פּאָליטישע עקאָנאָמיע

100 זייטען. פון א. ש. זאַקס.

9) פיזיאָלאָגיע

(מיט אילוסטראַציאָנען.) 100 זייטען.
פון דר. י. א. מעריסאָן.